מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטליד צו אונזער פריינט מאָריס מינדעל צום טויט פון זיין ברודער יצחק מינדעל.
פריינט פון יידיש לשון.

אונזער טיפן מיטליד צום אַקטיאָר בערנארד מענדעלאָוויטש צום טויט פון זיין מוטער.
פריינט פון יידיש לשון.

אונזער טיפן מיטליד צו פרוי פאַניע הערש און אירע קינדער צום פאַרלוסט פון איר ליבן מאַן דעם שרייבער ל. הערש. זאָל זי געטרייסט זיין אין זיין גוטן נאָמען וואָס ער האָט איבערגעלאָזן צווישן זיינע קאָלעגן און אויף דער יידישער גאַס.
פריינט פון יידיש לשון.

איך דריק אויס מיין טיפסטן מיטגעפיל צו פאַניא הערש און אירע קינדער דורך דעם פאַרלוסט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער דעם שרייבער ל. הערש. זאָלן זיי געטרייסט זיין מיט דעם גוטן נאָמען וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. זיינע פריינט וועלן אים שטענדיק דערמאָנען צום גוטן.

קייטי בראון

סוף־חודש זונטאגס
בן אורי, 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.
זונטאג, דעם 25־סטן אפריל, 8 אַזייגער
א פרץ-פייערונג
עס וועלן רעדן: אליה פאַלושאַק און י. ביעטש
לייענען און רעציטירן: זעליג עפּעלבוים, נעט רובין, רעוו. ש. ראָטה א. אַ.
פאָריזץ: א. נ. שטענצל.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 172) פופצנטער יאָרגאַנג מאַי 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:

יום העצמאות, צו דער יידישער מלוכה פאַן; 1) דריי יאָר „די יידישע שטימע“, 2) צו מאַקס הילסבערג׳ס אויפפירונג פון „עקידת יצחק“ און „גאָט מענטש און טייוול“, 3) אין חייטער פאַרחאָרפנקייט ••......... 1
מאַקס הילסבערג (פּאָטאָ) ......... 4
ישראל עפרויקין (צו די שלושים) ......... דר. יעקב י. מייטליס 6
די טעג פון ציילן אָדער... געציילטע טעג (צום עלפטן יאָרטאָג פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ) ......... אליהו פאַלושאַק 10
ש. קאַטשערגינסקי מעמענטאָ ......... מ. אַלמאַן 13
מיין ליד (פּאָעמע) ......... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 14
צום איצטיקן ערשטן מאַי (ליד) ......... ש. זאַלקין 16
דריי זיינען זיי געווען, אַ תפילה, מיין חידערקול (לידער) ......... שמואל חהייט 17
אַ פאַלטשער חשבון (דערציילונג) ......... קייטי בראון 18
פרילינג, ליד, באַלאַדן־קראַנץ (לידער) ......... א. נ. שטענצל 20
די יונגע דאַמע אין שוואַרצן (דערציילונג) ......... משה דאָמב 21
אויף די בערג און די טאָלן (לידער) ......... יוסף הלל לעוי 28
קלייב אויף... (ליד) ......... י. י. סיגאַל 29
מלכות־שבמלכות (עסיי) ......... ש. 30
לאָנדאָנער־ידיעות, ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ......... 32

פרייז 1 שילינג און 6 פּענס

אבאָנענט־פרייז 19/6— פאר א יאָר

אין אויסלאַנד 5— דאָלאר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
“LOSHN UN LEBN,” 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

## פריינט פון יידיש לשון

מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ וויכטיקע וואָרנונג און בעטן צו באַציען זיך צו איר מיט דעם גאַנצן ערנסט, וואָס זי פאַרדינט.

דער זשורנאַל „לשון און לעבן” ווערט אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט, און דערשיינט רעגלמעסיק יעדן חודש שוין פאַר יאָרן. דאָס באַווייזט, אַז דער זשורנאַל האָט זיין וויכטיקן און פאַראַנטוואָרטלעכן פלאַץ אינם היגן יידישן לעבן, וועלכער איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט פאַר הונדערטער יידישע לייענער.

אויב מיר מאַכן נישט קיין טעות אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, דאַן האָבן מיר דאָס רעכט צו דערוואַרטן, אַז אונזערע לייענער זאָלן דערפילן זייער חוב און אונטערשטיצן די אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע דער „פאַראיין פון יידיש לשון” אַראַנזשירט פון צייט צו צייט, מיט דעם צוועק, אַז דער זשורנאַל זאָל קענען דערשיינען.

דער מאַטעריעלער מצב פון „לשון און לעבן” איז אַזעלכער, אַז מיר מוזן זיך ווענדן, ראשית, צו אַלע אונזערע אַבאָנענטן, אַז די אָפּצאָלונגען זאָלן פּינקט־לעך דערליידיקט ווערן, ווען זיי דערהאַלטן די מאָנונגען. עס וואָלט די לאַגע פיל גרינגער געמאַכט. שנית, אונז שטיצן פינאַנציעל, דאָס וואָלט געשטאַרקט דעם מוט און ווילן פאַר אַ פאַרגרעסערטער קולטור טעטיקייט.

מיר אַפּעלירן צו אונזערע פריינט און לייענער מיט דעם גרעסטן ערנסט: העלפט און פאַרגרינגערט אונזער פינאַנציעלע לאַגע, כדי מיר זאָלן קענען ווייטער אַרויסגעבן דעם זשורנאַל.

מיר דערוואַרטן, אַז אַלע לייענער פונם זשורנאַל און ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן טון זייער פליכט בנוגע צו אונזער אַרבעט, און דערמיט צייגן זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן וואָרט און קולטור.

**י. ביעטש** (וויצע־פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון”)


פריינט פון יידיש לשון

דינסטיק, דעם 18־טן מאַי, 7.30

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

א יובל־באַנקעט

צום 75־טן געבוירן־טאָג פון

ל. ש. קרעדיטאָר

די לייענער פון „לשון און לעבן”, די מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לשון” זיינען איינגעלאַדן.

טיי מיט פאַרבייסן ביי געדעקטע טישן 2/6



TOWER HAMLETS LIBRARIES



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 172) פּופּצענטער יאָרגאַנג מאַי 1954 לאָנדאָן


## יום העצמאות

צווישן שבעים אומות מיר זיינען לעבן געבליבן,
וועט זיך דאָך די ישראל־מלוכה אויף נסים האַלטן!
פון האַרטן פעלז־שטיין וואַסער ציען און מן פון הימל,
נישט צום טויט — צום לעבן איין אַטאָם נאָר צו שפּאַלטן —

און פערד־קראַפט אין מיליאָנען און אין וואָלטן מיליאַרדן,
מען וועט איינשפּאַנען דעם ווילד־לויפנדיקן ירדן.

אַ שלאַנג אַז מען צעשניידט זי, יעדעס שטיק הייבט אָן לעבן,
וויפיל טיילן, אַזוי פיל צונגען גיפטיק שפּייען — —
פון זיינע טויזנט גרעניצן עס וועט זיך דער ירדן
אַ גאַנצער, אַ צעזונגענער מיט כוח באַפרייען!

די פעלקער אַרום אים, די הונגעריקע שכנים,
צום טאַקט, ברודער געזעטיקטע, טאַנצן אינאיינעם.

און עס וועלן אָנקומען אַלע אומות־העולם,
מיט ימים און מיט טייכן געצויגן צום ירדן,
פריידיק אויפצוגיין אויף גאָטס באַרג קיין ירושלים,
צו זען ווי זייערע אשכנזים און ספרדן,

האָבן געגרונטפעסטיקט דעם מלכות השמים
אויף דער ערד, מיט לויטערן האַרץ און „נקי כפים”.

## צו דער יידישער מלוכה-פאָן

פאַרוואָס האָט דען זעקס שפּיצן דער מגן־דוד?
ער זאָל אונז אין די זעקס מיליאָן דערמאָנען!
נאָר מיט זייערע נשמות אין די פאַלטן,
וועט אַ יידישע מלוכה־פאָן פלאַטערן קאָנען.

זייער ריינקייט זייער אומשולד צו דערמאָנען
דערפאַר טליתדיק בלוי־ווייס אירע פאַרבן!
אַז פאַר איין מת אַ זעקל ארץ־ישראל ערד,
וויפיל אַז זעקס מיליאָן אויף קידוש השם שטאַרבן?

און ווי געוואַלטיק און ווי גרויס מוז זיין דאָס לאַנד,
אַזאַ צעבראָכן פאָלק צוזאַמצוהאַלטן!
און ווי הייליק ווי ריין מוז אַזאַ פאָן זיין,
וואָס נשמות טוליען זיך צווישן אירע פאַלטן.

פלאַטערן אַ שטילע תפילה וועט אונזער פאָן,
פון שעפּטשענדיקע ליפּן פון אַ מאַמען,
קינדער אונטערן „מלאך־הגואל“־טלית,
וועלן מיר אונטער איר שטיין אַלע צוזאַמען.

## 1. דריי יאָר „די יידישע שטימע“

עס איז נישט נאָר געווען זיך צו זיכערן אַ שטיקל עקזיסטענץ, וואָס נאָכן פאַרמאַכן זיך פון דער טעגלעכער צייטונג „די צייט“, האָבן זיך צוזאַמענגענומען איניקע שרייבער פונם עלטערן דור און געגרינדעט „די יידישע שטימע“, אַ נאַציאָנאַל רעליגיעז־פאָלקסטימלעך וואָכנבלאַט. עס איז געווען די גייסטיקע אינערציע פון פאַראַנטוואָרטלעכע וואָרט־זאָגער, וואָס שטייען שוין אין דינסט פונם ישוב דאָ אַרום אַ האַלבן יאָרהונדערט, ווייטער אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט פאַר די פאָלקס־מענטשן וועלכע נויטיקן זיך אין זייער „ראַט און טאַט“, אין אַן אויפמונטערונג אין נאַציאָנאַלע נויט־מאָמענטן און באַגייסטערן אין שמחה־שעה׳ן, אין אַ וואָגיק וואָרט בנוגע געזעלשאַפטלעכע און קהילה ענינים.

עס איז רירנדיק צו זען, ווי דער זקן הסופרים אונזערער דאָ, ל. ש. קרעדיטאָר, דער בן־דור פון ברענער און גנעסין, דער גייסטרייכער פעליעטאָניסט מיטן יידישלעכן „סענס אָף יומאָר“ און בר־אורין; ווען מיר פייערן דעם היינטיקן חודש שוין זיין 75־יאָריקן יובל, שטייט שעה׳ן ביים רעדאַקציעשטענדער טוענדיק די שוואַרצעסטע רעדאַקציע־אַרבעט, פון איבערזעצן אַ שטיקל נייעס ביז קאָרעגירן, און אינצווישן שרייבנדיק זיינע עסייען און אַרטיקלען אונטער „יתרו׳ס נעמען“.

שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, איבערלעבנדיק שוין אַ האַלבן טוץ צייטונגען, אַ שרייבער מיט סטיליסטישן און גייסטיקן באַגאַזש און סטאַזש, איז די שוואַרצסטע רעדאַקציע־אַרבעט זיינע פאָלקס אחריות און שריפטשטעלערישע אינערציע. אונזער אָרעמער ישוב דאָ האָט דאָך נאָך אַ שטיקל זכות, וואָס אַזעלכע גייסטיקע און גייסטרייכע פען־מענטשן שטייען אים צום דינסט ווי עבדים נאמנים.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי. פאַר 4 צענדליק יאָר איז ער אַהערגעקומען ווי אַ יונגער פּאָעט, ווי אַ סקיצן־שרייבער, שוין ווייט אַריבער די ששים איצט, און צווישן לייט־אַרטיקל, ראָמאַן אין המשכים און כסדרדיקע רעפּאָרט־באַריכט־רעדאַקציע־און־אַדמיניסטראַציע־אַרבעט באַווייזט זיך נאָך אַלץ מיט זיין פּאָעטישן ליד און יוגנטלעכער סקיצע. ער איז ממש דער ליטעראַרישער קאָנטאַניסט דאָ אין אונזער שרייבערישער משפחה, ער איז עס שוין געווען בימי מאָריס מייער און איצט צו זיך אַליין רעדאַקטאָר פון „די יידישע שטימע“ וואָס איז



פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר עקזיסטענץ כמו שהיא, מיט אַלע ליכט־ און שאָטןזייטן אירע.

אַ צייטונג איז דער שפּיגל פון אַ ישוב! אַז מען קוקט אַריין זעט מען, אַז מיר זיינען שוין אַביסל צופיל און צו שנעל געעלטערט, רק לויות און יאָרצייטן, צו ווייניק ברית׳ן און חתונות. צופיל כיבודים — אַלטע לייט האָבן ליב מען זאָל זיי רק מכבד זיין! זעצן אויבן־אָן... עס שמעקט צופיל מיט בשר כשר און מיט חברה קדישא. און נישט נאָר כלי־קודש, נאָר אויך מענטשן וואָס טוען פאָלקס־דינסט, וואָס שטייען אין משרת הקודש קאָנען ווערן אָפּהענגיק און אָפּהענטיק. און די טראַדיציע פון אַ יידישער צייטונג איז קודם די שרייבערישע אינערציע, וואָס איז בכוח צו שאַפן אַ דעת־הקהל.

נאַטירלעך עס בלייבט נאָך אַ סך איבעריק צו ווינטשן. אָבער וואָס איך וואָלט קודם געווונטשן „די יידישע שטימע“ צו איר דריי־יאָריקער עקזיסטענץ, צו איר שני־חזקה, איז נישט נאָר אַז זי זאָל בזמן קרוב ווערן אַ טעגלעכע צייטונג, נאָר אַז קודם־כל זאָל זי ווערן דאָס טעגלעכע ברויט פאַר די צוויידריי פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, וואָס נויטיקן זיך דערין. קודם וואָלט געלייזט געוואָרן אַ פּראָבלעם וואָס איז ממש אַ חרפה פאַר אַ יידישן ישוב, והשנית אי דער קאָנסומענט און אי דער פּראָדוצענט וואָלטן שעפערישער באַוועגלעכער געוואָרן און דער הפקרדיקער דעת־הקהל דאָ וואָלט געוואָרן וואָגיק און אחריותפול.

## 2. צו מאַקס הילסבערג׳ס אויפפירונג פון „עקידת יצחק“ און „גאָט מענטש און טייוול“

עס איז נישט קיין יובל פונם יידישן טעאַטער און די הונדערט־יאָריקע גאָרדין־פייערונג האָבן מיר אויך שוין שטיל אָפּגעפּטרט. דערפאַר איז עס ווי פונם הימל אַראָפּגעפאַלן דער יום־טוב איצט אין גרענד פאַליי טעאַטער. מיטן גאַסטראָלירן פון דעם ערנסטן און פיינעם ישראל־אַקטיאָר מאַקס הילסבערג איז אונזער באַליבטע לאָנדאָנער חברים־טרופּע אַ ביסל אויפגעריכט געוואָרן, ווען נישט ביי דער קאַסע, איז עס אויף דער בינע.

נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל טעאַטער־סעזאָנען, ווי די דרום־אַמעריקאַנישע סטאַרס האָבן נישט געוואָלט מפסיק זיין אין זייער „פּראָזע“ און זיך געהאַלטן רק אין זייער נוסח „טענצע און געזענגע“, איז מאַקס הילסבערגס אויפפירונג פון „עקידת יצחק“ פון אברהם גאָלדפאַדן ממש געווען אַ רעוואָלוציע. און איצט מיטן זעלבען ברען און באַגייסטערונג גרייט ער צו די אויפפירונג פון „גאָט מענטש און טייוול“ פון יעקב גאָרדין.

מאַקס הילסבערג, וואָס טראָגט נאָך אין זיך טעאַטער־טראַדיציע פון יידישן וואַרשע, וואָס דאָס אַמאָליקע אַקטיאָרן־בלוט פליסט נאָך אין זיינע אָדערן און וואָס מיט דער איינגעזעסנקייט פונם היימישן שוישפּילער איז ער געווען איינער פון די גרינדער פונם גאָלדפאַדן־טעאַטער אין ישראל. ווי וואַרעם מיר האָבן אים באַגריסט ביי זיין אַהערקומען אויף זיין גאַסטראָלירן, איז אונזער שבח צו זיין אַהיימפאָרן קיין ישראל נאָך וואַרעמער.



מאַקס הילסבערג

גרויסע באַרימטע יידישע אַקטיאָרן קומען נאָך לאָנדאָן, אי זיי שפּילן ענגליש און אי ווי מיר הערן זיינען די דראַמעס אין וועלכע זיי „באַווייזן זיך“ נישט פון שעקספּיר און נישט פון שאָו, פיפט־זעקס־ראַנגיקע שטיקער עלעגאַנט „צוגעפּיקסט“. און אויב זיי האָבן אַ יאַכנע מער אין גויאישן טעאַטער אין וועלכן זיי „טרעטן אויף“, איז עס ווייל זיי גנבענען זי צו פון יידישן גרענד־פּאַליי טעאַטער במחילה...

ממילא איז דאָך שוין נישט מער די פראַגע פון ניוואָ און וואָס מען שפּילט און ווער עס שפּילט. עס האַנדלט זיך אין דער מאַיעסטעטין די יאַכנע און זי האָט דאָס וואָרט... איז וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון קאָמעדיאַנטשיקעס.

פריידט מען זיך וואָס איינמאָל כאָטש אין יובל פאַלט אַראָפּ אַזאַ שטיק היימישקייט, אַ שטיק איינגעזעסן וואַרשע וואָס זעצט זיך אַדורך בכל אופן און בכל מקום, אין תל־אביב און אפילו ביי אונז דאָ אין ווייטשעפּל.



# 3. אין ווייטער פאַרוואָרפנקייט

מיר דאָ, פאַרוואָרפענע אויף דער אינזל, וואָס מיט אַלע כוחות וואָלטן מיר געוואָלט בלייבן אַ רינגעלע אין אונזער „גאָלדענע קייט“, נישט גאַנץ פאַרלוירן־צוגיין, פילן מיר זיך אַ סך שווערער געטראָפן, ווי אונזערע נאָענטע און אייגענע אין די יידישע גייסטיק באַוועגלעכע ישובים, ווען איינער פון אונזערע שאָפנדיקע ווערט פלוצלינג אַוועקגעריסן פון אונזערע רייען. מיר זיינען אפילו עובר אויף דעם שווער באַשטראָפטן „תלמידי חכמים שלא הספדו כהלכה“. לעצטנס ווערן מיר ממש דערדריקט פון אָט דעם געפיל.

אָט רייזין, מאַנעלייב און ווידער אַ ידיעה דוד איגנאַטאָוו איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק. מיר ווייסן די גרויסע ראָלע וואָס איגנאַטאָוו האָט געשפּילט ביים ענטשטיין פון „די יונגע“ אין אַמעריקע, עפּעס געדענקט זיך נאָך זיין אייגנאַרטיקער נוסח ביים שווערן אָנהויב; זיין „חזירים מאַרק“ לעצטנס ווו געלעזן איז אַ שעדעווער אין דער יידישער פּראָזע. און איידער וואָס איידער ווען, איידער מ׳קאָן נאָך אין אונזער פאַרוואָרפנקייט דאָ אויסזוכן אַ בוך פון איגנאַטאָוון, זיך צו פאַרטיפן אין זיין שאַפן, אין זיין ענטוויקלונגס גאַנג און שוין — אַ צווייטע איוב־בשורה!

י. י. סיגאַל, אין קאַנאַדע, דער אוהב און חובב יידיש, דער יידישער פּאָעט מיט דער חסידישער נשמה, מיטן פאַרליבטן האַרץ אין יידישן פאָלק, דער מאַמע־לשונדיקסטער אינם יידישן ליד, איז פלוצלינג אַוועקגעכאַפּט געוואָרן, ממש אין די יאָרן באַרג אַרויף, ווען ער האָט זיך ערשט גענומען מענלעך צו פאַרמעסטן זיין פערז, מיט וואָרט־צימצומדיקייט און סטיל־אחריות.

שוין, זיין „ספר יידיש“ ליגט שוין אויפן טיש, תחינהדיק קרבן־מנחהדיק, ווילט זיך צוגיין דערצו. אַ קוש טון ווילט זיך באַלד ביים עפענען, איידער נאָך מענה־לשונדיק עפּעס אַרויסגעלייענט דערפון, זעענדיק זיין עניוותדיקע צושריפט צו אַ פריינט פאַרנט אויפן שער־בלאַט און פלוצלינג — ווי אַן אויסראַטונג וואָלט חלילה אויף אונז געקומען, ווי דער „מלאך רע“ וואָלט אונז אָפּגעוואַרט וו־אַהין נאָר מיר וועלן זיך ראַטעווען: ישראל עפּרויקין אין נאָענטן פאַריז, דר. ישראל רובין, פון ישראל, אַ נאָענטער פריינט פון אַמאָליקע יאָרן — און פלוצלינג עפּעס ווי אַ בייזער בליץ פון אַ פינסטערן הימל אַראָפּ!

שמערקע קאַטשערגינסקי, דער יוגענדלעכסטער פון די יוגענדלעכע, דער באַוועגלעכסטער פון „יונג־ווילנע“ איז אין אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע דערהרגעט געוואָרן.

עס ווערט איינעם שוין צו הייס, אין דער הייסער מינוט צו קאָנען נאָך עפּעס זאָגן, זיך צו פאַרטיפן, עפּעס פאַרטראַכטן. עס ווערט אַזוי טרויעריק אויף דער נשמה —

אין דער ווייטער פאַרוואָרפנקייט איז אַ סך שווערער אַ צער אויסצוטראָגן. אין דער אַליינקייט פאַרגעסט מען אפילו, אַז ס׳איז אַ „צרת רבים“. די שעפּערישקייט וואָס וועט זייער טויט איבערלעבן איז דאָך אַ חצי נחמה.

## דר. יעקב י. מייטליס

# ישראל עפּרויקין

### (צו די שלשים)

אַ מאָדנער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויף אונזער הײַנטיקן, שווער־געפּרובטן דור, וואָס האָט אויף זײַנע פּלײצעס אויסגעטראָגן אפשר דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע. מיר זענען געוואָרן אַ דור פֿון מקוננים און מספּידים, מיר זאָגן כסדר קינות און שרײַבן נעקראָלאָגן. מיט דער טאָטאַלער פֿאַרניכטונג פֿון דעם קוואַליקן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, האָבן מיר מיט אַ מאָל פֿאַרלוירן דעם באָדן פֿון אונטער אונזערע פֿיס, פֿעלט אונדז אויס דער גייסטיקער אָנשפּאַר פֿון אַמאָליקע דורות. ווי נאָר עס שטאַרבט אָפּ אַ יידישער קינסטלער, אַ שרײַבער, אַ באַטײַטיקער וואָרט־זאָגער, פֿילט זיך יעדער פֿון אונדז ווי ער איז געוואָרן פּערזענלעך פֿאַריתומ׳ט, טאַקע אָרימער און אײנזאַמער. ווערט יעטוועדער יחיד־הספּד אַ הספּד נאָך אַ רבים, ממש אויף זיך אַליין, אויף דעם גאַנצן דור, וואָס מיט אים פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון אַ לעבעדיקער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט מער אומקערן. באַפֿאַלט אונדז טאַקע אַן אימה־געפֿיל און מיר פֿרעגן זיך: צי זענען מיר גאָר אפשר די לעצטע מספּידים פֿון דעם דור, וואָס האָט נאָך געזען די אַלטע, יחוסדיקע מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט אין איר גלאַנץ און גרויסקייט? צי קומט טאַקע נאָך אונדז אַ דור, אַן אַנדערער, אַ פֿרעמדער, אָן דעם אינהאַלט פֿון נעכטן, וואָס וועט אפשר גאָרנישט זײַן ראוי צו זײַן אונזער ממלא מקום?

זעט מען בחוש ווי אַ דור פֿאַרלעשט זיך, אָבער מען זעט נאָך דערווייל נישט ווער עס וועט איבערנעמען די הייליקע ירושה, ווער עס וועט ממשיך זײַן די קייט פֿון יידישן נעכטן און זי אַריבערוואַרפֿן אין דעם מאָרגן. זענען מיר דאָס די לעצטע מאָהיקאַנער פֿון דער רייכער, גלאַנציקער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט פֿון נעכטן?

איינער פֿון אָט די ליכטיקע מאָהיקאַנער איז בלי ספק געווען דער נפטר ישראל עפּרויקין. האָט זײַן טויט טאַקע געריסן אַ טיפֿן בלויז אין אונזערע שוין אַזוי שיטער געוואָרענע רייען. פֿילן מיר אַ טאָפּעלטע ליידיקייט און איינזאַמקייט. איז מיט אים אַוועק איינע פֿון די שענסטע און קאָלירפֿולסטע פּערזענלעכקייטן פֿון אונדזער דור, אַ טייערער מענטש און אַ דערהויבענער ייד. זײַן גאַנץ חיות האָט געאָטעמט מיט געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג, אין וואָס ער האָט געזען דעם זין און אינהאַלט פֿון זײַן אַקטיוו, דינאַמיש לעבן. זייענדיק אַ מענטש פֿון אַ הויכער אינטעליגענץ און פֿילזײַטיקע באַגאַבונגען, איז עפּרויקין געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישער פֿירער און אַ קולטור־טוער פֿון אַ ברייטן פֿאַרנעם, נאָר באַגלייך אַ שרײַבער און אַ דענקער פֿון פֿאָרמאַט. בעצם איז דער צענטראַל־פּונקט סײַ פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט און סײַ פֿון זײַן טעאָרעטישן שרײַבן, געווען, ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען און דערהאַלטן די אַלטע יידישע קולטור־ווערטן אין זייער אמתער ריינקייט און טיפֿקייט, און אויפֿצוהיטן די געשיכטלעכע קייט.



דער פּראָבלעם פֿון גייסטיקן קיום פֿון פֿאָלק, האָט בכן פֿאַרנומען בײַ אים, בפרט אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן, דעם אויבנאָן אין זײַן מחשבה. ער האָט דערזען די געוואַלטיקע קולטור־ירידה אין די יאָרן נאָך דעם לעצטן חורבן, די אָפּגעפֿרעמדקייט, די מוראדיקע אָפּהענטיקייט און שפֿלות, וואָס האָט באַהערשט דעם יידישן מענטש, און גערופֿן צו אַן ערלעכן ממעמקים׳דיקן חשבון הנפש. ניין, אַזוי טאָר עס ווייטער נישט אָנגיין. מען מוז מיט אַלע כחות אַרויס פֿון דער גייסטיקער ענגשאַפֿט און טאַקע מקבל זײַן אויף זיך דעם עול פֿון יידישקייט. איז זײַן יידישקייט געווען אַן אינטעגראַלע, אַ שלמותדיקע און בעצם אַ רעליגיעזע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אָן אַ שטאַרקער, אין זיך באַפֿעסטיקטער יידישער קולטור און אַ יידישן שטייגער־לעבן, איז אוממעגלעך אויפֿצוהאַלטן דעם קיום האומה, וואָס ווערט כסדר באַדראָט פֿון אַן אַסימילאַציע, וואָס פּלייצט מיט כח און צושטערט אַלץ מער און מער די יסודות פֿון יידישן לעבן. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז זייענדיק אַ ציוניסט, און עפּרויקין איז געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע מנהיגים און אַ וואָרט־זאָגער פֿון דער פּועלי־ציון באַוועגונג, איז מען נישט יוצא מיט דעם אַליין, וואָס מען זאָרגט זיך כסדר בלויז פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון ארץ ישראל. אדרבא, אויב מען וויל האָבן אַ שטאַרקע און באַפֿעסטיקטע מדינה מוזן מיר לכל הפּחות דערהאַלטן און אויסבויען אונדזערע פּאָזיציעס אין די גלות לענדער. ער האָט דערפֿאַר געפֿאָדערט מיט דרייסטקייט אַ קלאָרע און פּאָזיטיווע קולטור־פּאָליטיק פֿאַר די פֿאַרשיידענע יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט. ער האָט פֿאַרלאַנגט נישט נאָר חינוך, אַ גאַנצע יידישע דערציונג, נאָר טאַקע אויך שטאַרקן די יידישע שפּראַך און איר קולטור, פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און אַקטיוו העלפֿן אין גייסטיקן אויפֿבוי פֿון די ישובים. ווייל, האָט עפּרויקין געדרונגען מיט אַ קלאָרער לאָגיק, אָן אַ שטאַרקן יידישן ישוב אין דער וועלט דרויסן, קען גאָר געמאָלט זײַן אַ סכנה פֿאַר דעם עצם קיום פֿון דער מדינה אין ישראל.

אָבער דער פּראָבלעם פֿון גייסטיקן קיום פֿון פֿאָלק איז פֿאַר עפּרויקינען נישט נאָר געווען אַ טעאָרעטישער ענין, נאָר טאַקע אַן עמינענט פּראַקטישער. ער איז אים געלעגן אין זײַן בלוט און אים געשטופּט צו מעשים. שוין פֿון זײַן פֿריעסטער יוגנט איז עפּרויקין געווען אויסגעמישט מיט דער גאָס, זי גוט געקענט און פֿאַרשטאַנען אירע נויטן און באַדערפֿענישן. תמיד האָט ער געפּלייצט מיט ענערגיע און געזייט אַ וועג, ווי אַזוי צו פֿאַרווירקלעכן דאָס, וואָס ער האָט געפּרעדיקט. ער איז טאַקע געווען דער אמתער נאה דורש און נאה מקיים. אין דעם זינען איז ער אויך געווען אַ גאַנצער ייד, ווייל יידישקייט באַשטייט נישט נאָר פֿון דערהויבענע אַבסטראַקטע געבאָטן, נאָר פֿאַרלאַנגט אויך מצוות מעשיות, וואָס יעדער ייד דאַרף אויספֿירן, טאַקע פּראַקטיש, אינם טאָג־טעגלעכן לעבן. דערפֿאַר טאַקע האָט עפּרויקין געקעמפֿט מיטן גאַנצן

ברען פון זיין נשמה קעגן די פאַרפעלשער פון יידישקייט, וואָס האָבן אַזוי לייכט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול, נישט נאָר פון אמונה, נאָר אויך פון די פראַקטישע מצוות, פון קולטור, פון טראַדיציע, פון חנוך און פון לערנען. האָט ער גאַנץ גוט געוווסט, אַז דער סוד פון אונדזער קיום ליגט אין דער אַלטער ירושה פון פאָלק, אַפילו ווען עס מיינט רעליגיע. אַזוי אַרום האָט ער אויך געפונען זיין וועג, וואָס האָט אים מיט קאָנסעקווענץ געפירט צו דער שאַפונג פון דער ערשטער יידישער קהלה אין פאַריז, אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט די קולטור־הצטרכותן פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יישוב אין פראַנקרייך.

ווי אַ סך מאָדערנע מענטשן האָט עפּרויקין פאַרמאָגט אין זיך אַ פולע סתירות און פּאַראַדאָקסן. זייענדיק בעצם אַן אינדיווידואַליסט איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט, געגלויבט אין גלות און געוואָרן אַ ציוניסטישער פירער מיט אַ ברען פאַר ארץ ישראל, געווען אַ ראַדיקאַל און געוואָרן אַ גלייביקער, אַ משכיל אָבער מיט אַ שטאַרקער נטיה צו ראָמאַנטיק און מיסטיציזם. פון נאַטור איז ער געווען אַ בעל בטחון, אַן אָפּטימיסט, געגלויבט אין מענטשלעכן פּראָגרעס, אָבער באַגלייך האָבן טיפע ספקות באַאומרויקט זיין האַרץ, תמיד זוכענדיק נייע וועגן. אַחוץ זיין ערנסטן חשבון הנפש מיט דער וועלט און מיטן יידישן כלל, האָט ער אויך געפירט אַ שאַרפן חשבון מיט זיך אַליין. ער איז קיינמאָל נישט געבליבן שטיין. בעצם האָט ער פיינט געהאַט דעם טיפּ צופרידענעם סטאַטישן מענטש. אויף אים וואָלט מען געקענט אָנווענדן דעם שאַרפן זאָג פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, אַז אַ מענטש טאָר קיינמאָל נישט בלייבן קיין עומד. ער מוז זיין אַן עולה ער קען אַפילו זיין אַ יורד. דאָס ערגסטע איז אָבער, אַז מען בלייבט שטיין. דערפון איז עפּרויקין געווען גאָר ווייט. אויף דעם זאָגן עדות זיינע אומצאָליקע ליטעראַרישע אַרבעטן און זיינע וואָגיקע ביכער, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן. ער איז תמיד געווען פאַרנומען מיט זיך, אַלץ געוואָלט מער דערגיין, לערנען און באַגרייפן. „איך מוז נאָך אַזויפיל אָניאָגן", האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט אין אַן אינטימען שמועס, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט מיט אַ צייט צוריק. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. געפלעגט זיצן יומם ולילה און אַרבעטן, לייענען און שרייבן, זוכן און זיך גריבלען, כדי צו דערגרייכן דעם גאַנצן אמת, ווייל קיין האַלבן אמת האָט ער נישט גורס געווען.

ישראל עפּרויקין האָט אויך די ברייטע יידישע עפנטלעכקייט געקענט אַלס רעדאַקטאָר פון אַן אָנגעזעענעם יידישן זשורנאַל. עס איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר, וואָס ער האָט זיין זשורנאַל אַ נאָמען געגעבן „קיום", וואָס איז געווען זינט 1949 אַ וויכטיקע טריבונע פאַר ערנסטע, תוכיקע פראַגן פון יידישן קיום און המשך. אויף דעם געביט האָט עפּרויקין געהאַט גאָר אַ גוטע טראַדיציע. שוין אַלס יונגער שרייבער איז ער געזעסן אין יאָר 1912 אין פּעטערבורג צוזאַמען מיט ש. דובנאָוו, ש. גינזבורג, י. צינבערג און ח. ד. הורוויץ אין דער רעדאַקציע פון „די יידישע וועלט", און שפּעטער אין דער



רעדאַקציע פון דער ווילנער „וואָך" צוזאַמען מיט ש. ניגער, ז. קאַלמאַנאָוויטש און נחום שטיף (1914-15). מיט א. טשעריקאָווערן האָט ער פאַר דער לעצטער מלחמה אַרויסגעגעבן אין פאַריז עטלעכע וואָגיקע זאַמעלביכער אונטערן נאָמען „אויפן שיידוועג".

אין אַן עפּאָכע פון יסורים און טרויער איז דער פאַריזער „קיום" געוואָרן אַ גייסטיקער אָנשפּאַר סיי פאַר אַ ריי גוטע, ערלעכע שרייבער און סיי פאַר אַ גרויסע צאָל ערנסטע לייענער, וואָס דער זשורנאַל האָט זיי געוויזן אַ וועג אין דעם פּלאָנטער פון די היינטצייטיקע פּראָבלעמען. אַלס אַ געניטער רעדאַקטאָר האָט ישראל עפּרויקין גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די אויפגאַבן און באַגלייך געזען די שוועריקייטן פון אַ גוטן זשורנאַל אין יידיש ביי היינטיקן טאָג. איז אים דאָס אַרויסגעבן פון „קיום" פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר נישט אָנגעקומען זייער גרינג. מיט דער אָפּגעהיטנקייט פון אַ פרומען ייד האָט ער שטרענג אָפּגעהיטן דעם ניוואָ פון זיין זשורנאַל, אַכטונג געגעבן אויף זיין ערלעכקייט און אויף דער ריינקייט פון שפּראַך און סטיל, און בשעת מעשה צוגעצויגן נייע מיטאַרבעטער און באַקאַנטע וואָרט־זאָגער, אויסגעמיטן ביליקע זאַכן, וואָס פאַרבלענדן דאָס אויג, און געמאַכט פון דעם זשורנאַל אַ גאַנצע און שיינע כלי. ווו ער האָט נאָר געקענט, האָט ער אויפגעמונטערט און דערמוטיקט, געלויבט גוטע, זאַכלעכע אַרבעטן, זיך ממש מיט זיי געצאַצקעט, אָבער נישט פאַרטראָגן קיין טאַלאַנטלאָזיקייטן. אַלס רעדאַקטאָר ווי אַלס מענטש איז עפּרויקין געווען אַ פריינד, אַ גוטער חבר, נאָבעל און אינטעלעקטועל ערלעך.

ישראל עפּרויקין איז געווען איינער פון די יחידי סגולה פון היינטיקן דור, אַ מענטש מיט אַ שיעור קומה, וואָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע מזרח פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. טיף און ערלעך האָט ער זיך געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען פון אונדזער צייט. אַליין, זייענדיק נישט קיין פּוסק, האָט ער פיינט געהאַט די כל המיני פּוסקים און דאָקטרינאַרן. אדרבא, זיין אומרו האָט אים געטריבן צו זוכן אַלץ נייע וועגן, פאָרמען פון מחשבה און אויסדרוק. ער האָט תמיד געלערנט און טאַקע לשמה, זיך תמיד פון דאָסניי געגריבלט אין דער האַרבער פּרשה פון יידישקייט און וועלט, פון תורה און לעבן. עס זענען פּראָבלעמען פון יידישן קיום, פון קעגנוואַרט און נצחיות.

## צו אבאנאמענטן פון „לשון און לעבן"

מיר בעטן דרינגלעך אַז אונזערע אַבאָנאַמענטן זאָלן וואָס שנעלער צושיקן זייער יערלעכן אָפּצאָל־אַבאָנענט פאַר אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן". די זומער־חדשים זיינען די קריטישסטע פאַר אַ יידישן זשורנאַל. ס׳איז ממש אַ געפאַר אַז דער דרוקער וועט אָפּשטעלן דאָס דרוקן.

און ווען שמואל זיגלבוים ע״ה איז דאָ אַהערגעקומען אין די ערשטע מלחמה־יאָרן, זיך דורכגעגנבעט דורך די דעמאַרקאַציע־ליניעס פונם דעראָבערטן פוילן, גאַנץ דייטשלאַנד, ביז דאָ אַהער צו אונז נאָך לאָנדאָן (ס׳איז נישט צו באַגרייפן, ווי אַזוי ער האָט דאַמאָלט די דאָזיקע קונץ־שטיק אויסגעפירט) אַלס דעפּוטאַט פונם פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט, און האָט געמאָנט, געפאָדערט און אינטערווענירט לטובת דעם אויסגייענדיקן ליכט פונם פוילישן יידנטום, פון זיינע יידן אין די וואַרשעווער, לאָדזער, קאַלישער און אַנדערע געטאָס, פאַר זיינע „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט״, האָט ער געפונען טויבע אויערן נישט נאָר אין די צירקלען פון דער נישט־יידישער, נאָר אויך אין גרויסע צירקלען פון דער יידישער וועלט. און זיין פרייוויליקער טויט מיט עלף יאָר צוריק, בשעת די גרויסע און לעצטע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ, איז נישט געווען בלויז פאַרצווייפלונג און יאוש און פּראָטעסט קעגן די גרויסע מאַכטהאָבער פון דער וועלט, נאָר אויך דער אויסדרוק פון יאוש און פאַרצווייפלונג קעגן די יידישע פאָלקס־מאַסן דאָ. דאָס יידישע פאָלק דאָ אין ענגלאַנד (דאַמאָלט דער לעצט־געבליבענער פרייער יידישער ישוב אין אייראָפּע) איז נישט מיטגעוואַקסן מיט די ליידן און יסורים פונם יידישן פאָלק אינם פאַרשקלאַפטן אייראָפּע. אין זייער קליינקייט און פאַלש־פאַרפּוצטן ווילטאָג האָבן זיי די גרויסע טראַגישע נויטן פון זייערע ליידנדע ברידער און שוועסטער נישט פאַרשטאַנען, נישט מיטגעשפּירט.

זייער נויט איז נישט געווען אייער נויט.

זייער פאַרצווייפלונג איז נישט געווען אייער פאַרצווייפלונג.

זייער יאוש איז נישט געווען אייער יאוש.

זייער חורבן איז נישט געווען אייער חורבן.

און ס׳איז ליידער מקוים געוואָרן דאָס נביאישע אין ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט״:

„ער האָט געזען, איר ווערט דערשטיקט,
ער האָט געזען, איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט;
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט,
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט״...

און בשעת איר, מיר, די יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט, זיינען נאָכגעגאַנגען זייער טאָג־טעגלעכן לעבנס־קאַמף, ווי גאָרנישט וואָלט געשען, האָבן די רעשטלעך יידן אין וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס אויפגעגעבן און מיט גבורה אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס פאַרן כבוד און חשיבות פונם מענטשן־מין און דעם כבוד פונם יידישן פאָלק. עס האָבן נישט געהאָלפן די אויסגעשרייען און די מאָנונגען פון יחידים, עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די וועקרופן פון שמואל זיגלבוים, דעם איידעלן יידישן דאָן קיכאָט אינם פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט דאָ אין לאָנדאָן. דער טיפסטער תהום פון מענטשלעכער בעסטיאַליטעט, נידריקייט און סאַדיזם האָט זיך אויסגעגאָסן ווי גאָטס אומענד־



לעכער צאָרן איבער אונזער פאָלק, — צופיל קרבנות, צופיל ליידן, דער סומיט פון מענטשלעכער טראַגעדיע... עס איז פון ערגעץ נישט געקומען קיין הילף.

אָבער אַ טרויעריקע און דאָך ליכטיקע טרייסט פאַר דורות און אַלע אייביקייטן דאַרפן בלייבן יענע גרויסע דראַמאַטישע מאָמענטן פון העלדישקייט, גבורה, מסירת־נפש און קידוש־השם פון די לעצטע רעשטלעך פון דער אַמאָליקער האַלב־מיליאָניקער יידישער עדה אין וואַרשע, דאַמאָלט אין די ימי הספירה, אין די טעג פון ציילן, וועלכע זיינען פאַר זיי, אונזערע העלדן, קדושים און גבורים, געווען — געציילטע טעג.

פאַרגעסט נישט זיי, אונזערע העלדן, און זייערע געציילטע טעג!

ימי הספירה, לאָנדאָן 1954.

---

## ש. קאַטשערגינסקיס מעמענטאָ

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פוילן זענען אַלע קולטור־אַקטיווע כוחות נישט געזעסן אויף איין אָרט. דאָס יידישע לעבן איז נאָך נישט געווען צוריק איינגעפונדעוועט, ס׳האָט זיך אַלץ געפונען אין באַוועגונג.

די באַזוכן פון יידישע שרייבער און דיכטער אין שטעט, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען די רעשטלעך פון די פוילישע יידן, האָבן צוגעגעבן אַ קאָליר, אַ געוויסן אָנגענעמערן טעם דעם ביטערן אַרום...

כ׳האָב זיך פונקט געפונען אויף אַ לעקציע אין 5־טן קלאַס פון דער יידישער פאָלקסשול אין וואַלבזשיך ווען מ׳האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז יידישע שרייבער־געסט זענען געקומען באַזוכן אונזער שול.

כ׳בין געווען אַנגענעם איבערראַשט, ווען כ׳האָב פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער די געסט: דיכטער חיים גראַדע און שמערקע קאַטשערגינסקי.

נאָכן אויסשמועסן זיך מיט די קינדער, אויף זייער ביטע אויסצולערנען זיי אַ ליד, האָט קאַטשערגינסקי אָנגעהויבן איינצוחזרן מיט די שילער משה קולבאַק׳ס: „כ׳בין אַ בחור אַ הולטאַי...״

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט איבער דעם. דיכטער האָבן דאָך ליב זיך פאָרצושטעלן מיט זייער אייגנס. פאַרוואָס־זשע האָט קאַטשערגינסקי אויסגעקליבן גאָר קולבאַקן, דעם קדוש פון דער סאָוויעטישער „זאָרג״ פאַרן המשך פון דער יידישער קולטור?!

ווער ס׳האָט אָבער געזען דאָס רעאַלע יידישע לעבן אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן האָט פאַרשטאַנען קאַטשערגינסקיס טאַט, ז י י ן מעמענטאָ קולבאַק!

מאַנטשעסטער, דעם 11־טן מאַי 1954.

מ. אַלמאַן.

---

**קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס**

---

## בן־אַ. סאַכאַטשעווסקי

# מיין ליד

איך האָב נאָך מיין ליד נישט געזונגען,
געפיל און געדאַנק נישט דערזאָגט,
ווייל ס׳האָט מיך דער טאָג ווי געטריבן,
די נאַכט מיט קאָשמאַרן געפּלאָגט,
און מאַכטלאָז געווען איז מיין ווילן,
פון גורל באַשטימט און געיאָגט.

געציטערט אין האַרץ האָבן טענער,
געריסן צו ליכט זיך דורך מיר,
נאָר תמיד בין איך דאָרט געשטאַנען
פאַרפרעמדט ביי מיין אייגענער טיר,
אַ מענטש ווי פאַרלוירן אין עלנט,
אַ יתום אויף לעבנס־שפּאַציר.

עס האָט מיך באַגייסטערט די שיינקייט,
אין אויפגיי פון זון און פאַרגאַנג,
פון פעלדער און וועלדער אין שטילקייט
אין פרילינג און זומער געזאַנג,
פון בענקשאַפט געבוירן אין ליבע
צעפּלאַטערט אין יונגען פאַרלאַנג.

איך האָב מיך געטראָגן אין הימלען
מיט גוף צו דער ערד צוגעשמידט,
געפילט אין אַרום מיר דעם ווינטער,
ווען אַלץ האָט געשפּראָצט און געבליט,
אין פרייד פון גענוס און פון לעבן
געוויינט האָט דער צער אין מיין ליד.

איך האָב נאָך מיין ליד נישט געזונגען,
דאָס ליד פון אַנטציקונג און רו
פון גלויבן צעצונדן, באַפליגלט,
געטראָגן צו ווייטקייטן ווו,
ווייל אויבן איז טיפקייט פון ימים,
און איך בין אַ מענטש בלויז פון דאָ.

מיין בליק איז אויף וואָלקנס געשווומען,
צו הויכקייטן ערגעץ דערגרייכט,
צווישן די וואָלקנס און הימל,
דאָרט האָט זיך מיין דמיון געשלייכט,



און גאָטהייט פאַר רגע׳ס באַנומען,
נאָר באַלד אויפגעלייזט און פאַרבלייכט.

מיין וואָרט האָט גערופן צום בורא,
אַ תפילה פאַר הילף אין מיין וויי,
ווייל כ׳האָב מער קיין זאַך נישט פאַרשטאַנען
פון אייגן געבורט און פאַרגיי,
אַ יחיד וואָס שווימט איבער וואָלקנס,
אָן וויזיע פאַר מינדסטן פאַרשטיי.

איך האָב בלויז פאַרחלשט געקלעטערט,
אויף לייטערס פון בלויקייט אין הויך,
צו וועלטן פאַרהוילן פון אויגן
פאַרטונקלט פון קוימענס מיט רויך,
און שוואַך ווי אַ פּחדן געשוויגן,
באַהערשט פון אַ פרעמד־בלינדן כוח.

איך האָב נאָך מיין ליד נישט געזונגען,
דאָס ליד פון מיין נויט און מיין פּיין,
פון שטענדיקן הונגער פאַר ווערטער
אין שטילסטן געזאַנג פון פאַרגיין,
אין ווערטער פון אייביקן תוכן
צו זיין מיין מצבה אַליין.

איך האָב מיך פאַרצווייפלט געראַנגלט
מיט אויבן און אונטן צוזאַם,
ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין כוואַליעס,
אַ פליג וועלכע ציטערט ביים פלאַם,
געזוכט צו פאַראייביקן לעבן
פון חומרדיק שטערבלעכן שטאַם.

ס׳איז אויבן בלויז ליידיקער חלל
אין אַלע קאַלירן צעשפּרייט,
און שאָטנס פון ליכט אָפּגעשלאָגן,
וואָס לעבן נישט אָפּ מיט דער צייט,
די זון שיינט דאָרט אויף אין פרימאָרגן,
שיינט אויף און אין אָוונט פאַרגייט.

וואָס איז דען טאָג מיט זיין אויפשיין,
די נאַכט איינגעוויגט אין איר סוד,
מיסטעריעס פאַרהילטע אין חשכות,
אין וואַלד און אין פעלד און אויף שטאָט,

און איבער דעם שווייגן און שטומען
דער שלאָף ווי אַ ברכה פון גאָט.

עס ציט זיך אַרויף שוין די פאָרהאַנג,
עס שפּילן חלומות זייער ראָל,
דער שוואַכער ווערט פול **מיט גבורה**
און שפּרייזט איבער בערגער און טאָל,
די וועלט איז זיין אייגן עשירות
און פריי דאָרט ווי אדם אַמאָל.

איך האָב נאָך מיין ליד נישט געזונגען
מיט בליצן אַרויס פון מיין בליק,
דאָס ליד פול מיט שבחים צו יוגנט,
צעצאַפּלט פון פרייד און פון גליק,
ווען ס'האָט מיין געדאַנק מיך דערהויבן,
האָט ערד באַלד געשלעפּט מיך צוריק.

---

## ש. זאלקין

### צו איצטיקן ערשטן מאי

און זעלטן באַרירט ווער אַ האַרציקע סטרונע —
די זינגער עס זענען פאַרחלשט צום טויט —
נאָר עמיצער זיפצט איצט, פאַמעלעך ער שעפּטשעט
אַ ניגון אַן אַלטן פון אַרבעט און נויט.

דערהער איך די לידער, דאַן זע איך די וועגן,
ווו מענטשן עס זענען געגאַנגען אַמאָל
מיט מוט און נשמות, מיט גליענדע בליקן
און זענען געפאַלן פאַר פרייהייט אָן צאָל.

און זע איך זיי ליגן פאַרבלוטיקט אין גאַסן,
די קערפּערס צעלעכערט פון שווערד און בליי,
דאַן הויבט זיך אָן וויינען, אָ מענטשן! אָ מענטשן!
מיר זענען ווי דעמאָלט נאָך איצטער נישט פריי . . .

---

חשובער רעדאַקטאָר,

אין דעם אַרטיקל פון פריינט פיין, אין דעם מערץ נומער „לשון און לעבן" האָט פריינט פיין מיך באַצייכנט „אַלס פירער פון ייוואָ אין לאָנדאָן". איך בעט אייך צו פאַרעפענטלעכן אין דעם קומענדן נומער פון דעם זשורנאַל, אַז פריינט פיין האָט מיך צו גרויס באַערט. איך בין קיינמאָל ניט געווען דער פירער פון „ייוואָ", און איך וויל ניט זיין קיין פירער פון וועלכע ניט איז קערפּערשאַפט. איך בין דער קאַסירער פון ייוואָ אין ענגלאַנד.

מיט דרך ארץ,
י. וו. פאדאלסקי.



## שמואל וואהייט

### דריי זענען זיי געוועזן

דריי זענען זיי געוועזן,
און אין זייער גאַנג האָב איך
ס'גאַנצע לעבן געלעזן.

איינער, אַלט און איינגעבויגן
מיט אַן איינפאַלנדיק פּנים,
(קוים וואָס ער האַלט אויף די אויגן).

איז מיט טריט שווער געגאַנגען,
אָפּגעלאָזן, פאַרטרויערט,
אַ לעבן אָן פאַרלאַנגען.

די צווייטע, אַ פרוי נאָך יונג,
האָט רייצענד געפלאַטערט,
געשוועבט, ווי אַ שמעטערלינג;

זי האָט זיך לייכט באַוויגן
ס'גאַנצע ערדן פרייד האָט
געשיינט פון אירע אויגן.

דאָס דריטע, אַ קינד, גאַנץ ווילד,
צו וועלכן מ'דאַרף האָבן
מוטער ליבע און געדולד —

עס האַלט אין איין פאַרלאַנגען
אַפילו אין דעם געקוויטש
הערט מען שיינע געזאַנגען.

דריי זענען זיי געוועזן
און אין זייער גאַנג האָב איך
ס'גאַנצע לעבן געלעזן.

### אַ תפילה

שטיי איך נאָך אַמאָל פאַר דיר
מיט הכנעה געבויגן
און בעט ביי דיר
מיט אַ צעבראָכן האַרץ
און טרערן אין די אויגן.

צו בעטן האָב איך אַזוי פיל
און ווייס ניט ווי אָנצוהויבן,
שעפּטשן מיינע ליפּן שטיל
צו דעם גאָט פון מיין גלויבן —
ברכות בלויז און לויבן.

בעט איך פאַר מיינע ברידער
זייערע ליידן לינדערן,
זיי זיינען דאָך דיינע קינדער;
אב הרחמים, וואָס רוט אין הימל הויך
פאַרנעם מיין תפילה אויך —
וואָס קומט פון מיין האַרצנס טיפעניש;
שענק פון דיין חסד זיי,
לינדער זייער פיין, זייער ווי,
די שונאים פאַרלענד, פאַרוויש,
גאָט מיינער, זייער לעבן דערפריש.

שטיי איך נאָך אַמאָל פאַר דיר
מיט הכנעה געבויגן,
מיט אַ פאַרקלעמטע ברוסט
און טרערן אין די אויגן,
בעט איך פאַר מיין פאָלק צו דיר,
פאַר דיינע קינדער, ניט פאַר מיר.

### מיין ווידער-קול

ווען איך לעז אַדורך מיין שאַפן,
ווייעט עס מיט אַ וואַרעמען פיין;
כ'דערזע מיך אָפּגעשפּיגעלט
הייב איך מיך ערשט אָן צו פאַרשטיין.

לעז איך דעם וויי אין יעדן בלאַט,
קען ס'ווידער קול דאָרט דערהערן,
ווערט יעדער בלאַט אַדורכגענעצט
מיט מיינע זודיקע טרערן.

באַפאַלט מיך אַזאַ רחמנות
אויף דעם וואָס רופט זיך איך;
לעז איך יעדעס וואָרט אין דעם בלאַט
פון דעם צעפּיינטן לעבנס בוך.

## קייטי בראָון

# אַ פּאַלטשער חשבון

אין אַמעריקע האָב איך אַ ברודער, וועלכער „איז גוט אָפּ", ווי מען זאָגט ביי אונז אין לאָנדאָן. און ער איז געווען אונזער גאַנצער שטיצער.

איך פלעג אים אין יעדן בריוו שילדערן אונזער טרויעריקע לאַגע, און ער פלעגט אונז צושיקן היפּשע סומען געלט פון צייט צו צייט, אַרויסהעלפנדיק אונז אין אַלע נויטן. און טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן געהאָפּט אויף אַ גרויסער ירושה, האָבן מיר גאָט געבעטן פאַר זיין לאַנג לעבן...

מאַכט זיך אָבער אַזאַ מעשה:

מיט איניקע וואָכן צוריק באַקום איך אַ בריוו פון אים, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז ער קומט צו אונז צו־גאַסט. דאָס האָט מיך שטאַרק דערפרייט. ערשטנס וועל איך האָבן די מעגלעכקייט אים צו זען נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּוועזנהייט; צווייטנס וועל איך קענען אים מיט עפּעס אָפּדינען פאַר אַלץ, וואָס ער טוט פאַר אונז.

איניקע טעג פאַר זיין קומען האָב איך איינגעריכטעט מיין וווינונג אויפן פיינסטן אופן, כדי אַלץ זאָל אויסזען לייטיש און ער זאָל זיך פילן באַקוועם. אַוועקגעגעבן אים מיין טאָכטערס בעדרום, שיקנדיק זי שלאָפן ביי אירס אַ חברטע. געליען ביי די שכנים עטלעכע שטיקלעך מעבל, אַ לייטישן טיש, אַ פּאָר פיינע בענקלעך און צוגעקליבן אַ שטוב, וווּ עס זאָל קענען אַריינקומען אַ לייטישער מענטש.

איך האָב אויך גענומען אַ שפּאָר ביסל געלט אויף פּראָצענט, כדי צו קענען „אים צוזען" און אָפּצאָלן ווי ער האָט עס פאַרדינט מיט דער האָפענונג עס אָפּצוגעבן באַלד נאָך זיין אָפּפאָרן...

הכלל, דער טאָג פון זיין אָנקומען איז ביי אונז געווען אַן אמתער יום־טוב. ער האָט זיך אויך שטאַרק געפרייט מיט אונז און אַ צופרידענער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך.

איך אַליין האָב געהאַט באַשלאָסן ביי מיר אים צו געבן אַ „גוד־טיים" כל־זמן ער וועט דאָ זיין, ריכטנדיק זיך, אַז ער וועט עס וויסן ווי אָפּצושאַצן, און אויך מיר קיין עוולה נישט טון...

יעדן טאָג האָב איך פאַר אים צוגעגרייט די פיינסטע מאכלים, אַ גוט ביסל בראָנפן פאַר אַ פאָרשפּייז, אַ פיינעם קאָמפּאָט צו פאַרבייסן... און, צוליב אים, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר שוין אויך געמוזט עסן ווי לייטישע מענטשן. מען זיצט דאָך ביי איין טיש, וועל איך דאָך אים נישט דערלאַנגען אַ פערטל געבראָטענע גאַנז און מיר מיט מיין אַלטן אַ געזאַלצענעם הערינג! נישט איינמאָל פלעגט מיר דאָס עסן בלייבן שטיין אין האַלז, ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָס געלט איז געבאָרגט... איך האָב זיך אָבער באַלד געטרייסט, אַז מיין ברודער איז נישט קיין נאַר און וועט אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס געלט איז נישט מיין...

יעדן אָוונט פלעגן מיר אים „אויסנעמען" אין די וועסט־ענד, וועלנדיק אים



ווייזן לאָנדאָן מיט איר שיינקייט. אויך דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן... שבת ביינאַכט זענען מיר אַוועק מיט אים אין אַ וועסט־ענדער טעאַטער; נאָכהער אים איינגעלאַדן אין לייאָנס „קאָרנער־הויז" אויף נאַכטמאָל. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, צוגעהערט זיך צום קלאַנג פון דער מוזיק און באַוווּנדערט די שיינקייט פון אַלץ אַרום.

ביים גיין אַהיים האָט ער אפילו געוואָלט באַצאָלן פאַר אַלץ, אָבער איך האָב כלומרשט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע און באַמערקט, אַז ער זאָל ביי מיר נישט צונעמען דאָס פאַרגעניגן, ווייל ער איז מיין גאַסט... אָט אין דעם צושטאַנד האָבן מיר זיך געפונען די גאַנצע צייט פון זיין באַזוך.

דאָס געלט איז געפלויגן ווי מיטן ווינט. איך האָב נישט געזשאַלעוועט אים צוצוטיילן אַלע פאַרגעניגנס, האָפנדיק, אַז ער וועט פאַר אַלעם באַצאָלן. איך האָב געציטערט ביים געדאַנק, ווען איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז דאָך פרעמד געלט; און עס האָט מיך שוין אַ ביסל גענומען פאַרדריסן אויפן גאַנצן עסק... אָבער איך האָב אַלץ געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן...

ענדלעך האָט ער מיר מודיע געווען וועגן זיין אָפּפאָרן אַהיים.

דעם לעצטן אָוונט האָב איך געמאַכט פאַר אים אַן אָפּשידס־פּאַרטי אים לכבוד, און זאָל ער געדענקען זיין שוועסטער צום גוטן.

איך האָב פאַר דעם אָוונט פאַרבעטן די גאַנצע משפחה און עטלעכע גוטע פריינט, צוגעגרייט אַ פיינעם סאָפּער און געמאַכט אַ פיינע פייערונג טראָץ דעם, וואָס מיינע חובות זענען שוין דעמאָלט געווען אַ ביסל צו גרויס...

דער עולם האָט פיין פאַרבראַכט, געגעסן, געטרונקען און זיך פיין אַמוזירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאַן האָט יעדער פון זיי זיך פריינטלעך מיט אים געזעגנט און אַוועק אַהיים. מיר אַליין האָבן זיך שוין יענע נאַכט נישט געלייגט שלאָפן, ווייל פאַרטאָג האָט ער באַדאַרפט אָפּפאָרן.

איך האָב איינגעפּאַקט פאַר אים פיינע געבעקסן, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר זיינעטוועגן אויסגעבאַקן. און ער איז געווען העכסט צופרידן.

עס איז געוואָרן שפּעט. מיינער האָט טעלעפאָנירט נאָך אַ טאַקסי. די טאַקסי איז געקומען און מיין ברודער האָט זיך אָנגעטון דעם אויבעררראָק. דאַן האָט ער אונז געדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבן געטון פאַר אים דורך דער צייט.

איך האָב נאָך עפּעס דערוואַרטעט פון אים, שטייענדיק אין געהאַקטע צרות, אָבער דאָס וואָס איך האָב דערוואַרט, איז נאָך דערווייל נישט געקומען. מיין אַלטער האָט מיך אָבער געטרייסט, צווינטשנדיק זיך אַזוי פיל גוטע יאָרן וויפיל פונט ער וועט אונז איבערלאָזן!

מיר זענען מיט אים צוגעפאָרן צום סטיישן, דער צוג איז שוין אָנגעקומען און — גאָרנישט...

פלוצלינג האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם־קעשענע. מיר איז געוואָרן פרייער דאָס האַרץ...

מיין אַלטער האָט אויך אַ צופרידענעם שמייכל געטון און מיר אַ ווונק גע־

געבן, ווי איינער זאָגט:

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט?...

אָבער צו אונזער בײדנס באַדויערן, האָט ער אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט און זיך פאַררויכערט...

דער צוג האָט אַ פייף געטון. ער האָט זיך מיט אונז צום לעצטן מאָל געזעגנט — און אַוועק...

מיר זיינען בײדע געבליבן שטיין ווי צוויי אָפּגענאַרטע בהמות!

איך האָב אָפּגעטראָגן אַלע גליענע זאַכן, און עס איז עס ביי אונז פאַרבליבן דער זעלבער דלות.

אין אייניקע וואָכן אַרום האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון אים, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען אַהיים; ער דאַנקט אונז פאַר אַלעם. קיין געלט קען ער אונז לײדער איצט נישט שיקן, ווייל די ביזנעס זיינע זענען איצט נישט ווי אַמבעסטן. איבערהויפּט, לויט ווי ער האָט געזען, נויטיקן מיר זיך נישט אַזוי שטאַרק אין זיין שטיצע, ווייל מיר מאַכן, דאַנקען גאָט, אַ גאַנץ פיין לעבן...

---

## א. נ. שטענצל

### פרילינג...

ווען די גרויקייט פון לעבן הענגט זיך אויף די וויעס,
קאָן מען דאָס בלוי ווערן פון הימל נישט מער זען,
שווערקייט ווי בליי בויגט דעם קאָפּ צו דער ערד אַראָפּ:
אַך, זאָל שוין וואָס שנעלער געשען, וואָס ס'האָט צו געשען.

אויבן אין דער לופטן די פליענדיקע פייגל,
די נשמה ציען זיי אַרויס מיט זייער ליד!
אַז נאָך אַ פרילינג, מיינט עס דאָך נאָך אַ ווינטער,
מיט געבראָכענעם פליגל זיך שלעפּן מיד־שטופּיד.

אָבער וואָס נענטער צו דער ערד מען ווערט געבויגן,
לויכטן פריש די אויגן מיט תאוהדיקן געגלאָץ;
זילבעריק צעגלאַנצט פלאַטערן גרוי די וויעס,
ווי נאָר זיי דערבליקן גרין דעם גראָזיקן אויפשפּראָץ —

פלינקע שוואַלבן, וואָס לאָזן זיך צו דער ערד אַראָפּ,
אַ שלענגל צו פאַרשלינגען מיט פאַרשייטן **געטשוויטש**;
פון די ווייסלען קוליען די שוואַרץ־אַפּלען אַרויס,
שנעקן פון די שיסלעך מיט סליניקן געגליטש.

— — — — — — — — — —

ווען די גרויקייט פון לעבן לייגט זיך אויף די וויעס,
די טיפקייט פון הימל צו דערבליקן אַזוי שווער;
אַלץ נידריקער מען לאָזט זיך צו דער ערד אַראָפּ,
פון איר טוליענדיקער שויס נישט אויפצושטיין שוין מער.



### ליד

ווי דאָס בוימל וואָס וועט שטיין אויף מיין קבר,
לעצטן נ'עופקץ פון מיין געביין ס'וועט אויסזייגן,
אַזוי מיט לעצטן נאָגן איצט אין מיין האַרץ,
דעם פרייד־ציטער פון די קנאָספּנדיקע צווייגן.

ווי דער פויגל אויבן אין זון, אויף שפּיץ־בוים,
זיין זיסער געטריל אַ רגע עס זאָל שווייגן,
אַזוי מיין ליד עס וועט פריר נישט אויפהערן,
ביז שערבעלעך אויף די אויגן מ'וועט מיר לייגן.

ווי מוז איך איינהאַלטן מיין צאַפּלדיק האַרץ,
ס'טאַנצט אין דער אומענדלעכקייט שוין ווען אַנטקייגן!
ווי גרויס ווי בלוי מיינע אויג־אַפּלען ווערן,
לעצטן טראָפּ הימל נאָך זיי ווילן אויסזייגן.

### באלאדן-קראנץ

1. פון הייפל

איז ער לויטער בלוי, צי פאַרשווימען גרוי,
פאַרן פענסטער דער שמאָלער הימל־פּאַס?
אַ היילנדיק קרייטעכץ־גרעזל לייגט זיך
אויף זיין נעפּלדיק פאַראָפּעטן בליק,
פון בלינדער וואַנט אַ בלעטל, קרענקלעך־בלאַס —

נישט פון זון באַשיינט און נישט באַרעגנט,
אויפגעשפּראָצט אין דעם טוכלען ווילגאָטש נאַס!
זון צעגלאָצטע, שוועלבלדיק צעטשוויטשערט,
פונם הייפל די קינדער קולעכלעך,
הילכן פון אַן אויסגערונענעם הוילן פּאַס.

2. זון־אונטערגאַנג

נייגעריקע, ווען גהיים נאָכקוקנדיק,
פרויען וואָס ווילן וויסן וווהין ווער ס'גייט,
רוקן זיך ענגער צוזאַם די געסלעך;
אין ראָג דאָס קוימענדל שטייט אַ פאַרגליווערטס,
מיט שטייפן האַלדז און נאַקן אויסגעדרייט.

מיט ציגל־רויט געברענטן מיט ערדענעם קרוג
אויף נאַקעטן אַקסל צניעותדיק פאַרשייט,
גייט שלאַנק אַ יונג־פרוי מיט גראַציעזן גאַנג,
פרישן טרונק פון וויטן קוואַל ווו צו שעפּן — —
דעם הילך פון איר טראָט מ'הערט קוים נאָך פון ווייט.

### 3. די אויפגייענדיקע לבנה

ווען עס פאַלט שווער זיין קאָפּ אויף זיין מידן האַרץ,
אַליין זיצנדיק צווישן בלינדע פיר ווענט,
קריכן די שאָטנס אַרויס פון די ווינקלען;
דעם טויט־קאַראַהאָד צו טאַנצן אַרום אים,
נעמען זיי זיך שוין אָן ביי די קנאָכיקע הענט.

ראַפּטים קריכט די לבנה אַרויס פון אונטער אַ הויז
פול ווערט דאָס שטיבל מיט קאַלטן געבלענד,
פלינק לויפן די שאָטנס צוריק אין די ווינקלען,
ער וויל זיך אויפשטעלן מיטלויפן מיט זיי
נאָר זיינע פיס ווי אין פענטעס געפענט.

### 4. פרילינג־נאַכט

האָט דאָס געוואָרקע פון אַ מאַמע טויב
אים אויפגעריסן פון זיסן שלאָף,
אָדער דאָס קרייזן פון אַ קראָ איבער אַ נבלה?
צום וויפילט מאָל שוין אין קורצער פרילינג־נאַכט
נעמט ער אַרונטער אונטער קאָלדרע דאָס נאַכט כלי?

ס׳מישט זיך אים אין קאָפּ די וועלט און דאָס ווייב,
ער ווייסט נישט מער צומאָל וועמען ער מיינט,
ווען ער רעדט צו זיך ביטער: אַזאַ מין שפילה!
כאָטש ווידער איינשלאָפן קענען, חלומען זיס
און פון פינסטערן לעבן פאַרגעסן אַ ווײַלע.

### 5. בלומען

פון איי־שאָל די קאַטשקעלעך שוין אַרויסגעשיילט,
שווימען זיי אין זון־געגלאַנץ אויפן וואַסער,
פון די שיילנדיקע טאָפּעטן — די וואַנצן!
פון די נעכט, זיך שליידערנדיק ווי אַ שלייען,
כאַפּט ער זיך אויף יעדן טאָג אַלץ בלאַסער.

עפענען ס׳פענסטער, ס׳שטיבל זיינס אויסצולופטערן,
וועט דער בענזין־געשטאַנק אַריין פון די גאַסן — —
און ווי קאָן ער זיי אַראָפּוואַרפן פון זיין טיש,
פון פאַראַיאָרן נאָך די געברענגטע בלומען,
ס׳וועט דאָך ווי זיין פנים זיין האַרץ פאַרבלאַסן.

### 6. פרילינג־צאַפּל

ווען די זון באַווייזט זיך אויף אַ ווייל אין געסל,
פירט מען זי אַרויס אויף אַ שעה פאַר דער טיר;



הערט ער בייז פאַרקלאַפּן די טיר הינטער איר,
אַן אומרואיקער כאַפּט ער זיך אויף פון זיין שטול,
איבער די געסלעך פאַר אַ קורצן שפּאַציר.

זי שטייט שטיל, ס׳פינטלען צומאָל נישט אירע אַפּלען,
אַ וואַקסענע פיגור וואָס גיט זיך נישט קיין ריר,
הינטער זיך הערט ער שעפּטשן אירע ליפּן:
„עמעץ וואָלט געקושט מיינע אויגן, איך שפּיר“.
אַ קריע־אייז אין זון גיט זיין האַרץ זיך אַ ריר.

### 7. ווי עס יאוכצט דאָס אַזוי טשוויטשערדיק אַקייגן

נישט איבער די ימים, אין די וועלדער, צווישן די בערג —
אינם פאַרקל קליינעם נישט ווייט פון דאַנען,
בליען די ביימער, זינגען די פייגל,
און פונם פרישן פרילינג־רעגן,
די זון אַ פריש געצוואָגענע אויפגעגאַנען —

מיט זיינע אויגן ער וואָלט ווידער געזען,
וואָלטן נאָר זיינע פיס געקענט אַהינשפּאַנען!
עס טובלט זיך זיין האַרץ אין פרילינג טויען:
אַז די ליבשאַפט נאָר, צום נאָנטן, צום מענטש,
אַזוי נאָנט און אין אייגענעם האַרצן נאָר פאַרהאַנען.

### 8. פרילינג־טויען

די אויפהאָרכנדיקע, די שטילע וויעס,
איבער איר פנים דאָס שטראַלנדיקע שווייגן —
אַ זומער־פייגעלע אין ענגען בלומען קעלך,
מיט קאָפּ אויף דנאָ טוליענדיק טויכנדיק,
לעצט טראָפּעלע זאַפּט פון צוויט אַרויסצוזויגן.

פליגעלע־געפלאַטער פון יונגיטשקן שוועלבל,
פלאָנטערנדיק אין פוך־געקנאָספּע פון צווייגן —
דאָס צאַפּלדיקע קינד אין קינדער־וועגעלע,
פון גלעקל־רימענדל זיך רייסנדיק,
ווי עס לאַכט דאָס אַזוי טשוויטשערדיק אַקייגן.

### 9. איבער אים אין וואַזע אַ בוקעט

דער שמאָלער הימל־פּאַס איבערן הייפל —
אַן אויסגעווישט פאַרווײנט קינדער־אויג אַזוי לויטער;
דער שמייכל אויף זיין געל־פאַרגרויטן פנים,
ווען די שכנים די טיר אויפגעריסן,
געלעגן ר׳איז מיט אָפענע אויגן אַ טויטער —

מיטן קאָפּ ברייט איבערן טיש פֿאַרוואָרפֿן,
איבער אים אין אַ וואַזע אַ בוקעט אַ צעפּוילטער!
אין דריטן טאָג זי האָט זיין טראָט נישט געהערט,
די ערשטע זי איז געשטאַנען ביי זיין טיר,
איר טריפֿנדיקער בליק אַזאַ טיף־אויסגעהוילטער.

## משה דאָמב

## די יונגע דאַמע אין שוואַרצן

כ׳האָב זי געזען אָפּט, אַ שלאַנקע, הויכע, באַשיידן אָנגעטון, אָבער אַלעס אין שוואַרצן. דער פּאַרק איז פֿאַרוויגט אין אַ שטילקייט, די זון וואַרעמט מינוטנווייז און אָפּט פֿאַרשווינדט זי אין אַ געדיכטן שוואַרצן וואָלקן, און הערוויל גיט זי, די זון, ווייטער אַ שמייכל, אין פֿאַרשווינדט, אַזוי אַ גאַנצן טאָג. דאָס וואַסער אין פּאַרק פֿאַליעט, ווי פּיטשינקע קאַטשקעלעך וואָלטן איבער דעם וואַסער געשווימען, און צווישן די קליינע פֿאַליעס שווימט מאַיעס־טעטיש אַ שוואַן, איר שלאַנקער האַלדז באַוועגט זיך לייכט, איר געלער שנאָבל גיט יעדעס מאָל עפּעס אַ ביים, מן הסתם עפּעס אַ וואָרעם איז צו איר צופֿעליק אַריינגעפֿאַלן; איר פּוכיק אַדלדיקער בויך שווימט גלייך צום ברעג, וווּ עס זיצט די שיינע שלאַנקע דאַמע אין שוואַרצן. דער אַלבאַסטער ווייסער שוואַן ווערט נאָך מער אָנזעעוודיק, נאָך מער ווייס און שטאָלץ, ווען די שוואַרצע דאַמע שטרעקט אויס איר ווייס קליין הענטעלע צו שפּייזן דעם ווייסן שטאָלצן שוואַן.

ווו נישט ווו מערקט זיך אַ דורכגייער, וואָס וואַרפֿט זיינע בליקן אויף דעם ווייס־שוואַרצן קאָנטראַסט, צווישן די דאַמע אין שוואַרצן און די ווייסע שוואַן.

אָבער אַממייסטנס האָט עס מיינע אויגן פֿאַרינטערעסירט נישט אַזוי ווייט דער ווייס־שוואַרצער קאָנטראַסט, נאָר וואָס כ׳זע כמעט יעדן טאָג די זעלבע דאַמע מיט דעם שניי ווייסן פּנים און בלאָע אויגן מיט אַ טיפֿן טרויעריקן סענטימענטאַלן בליק און איר הויכע שלאַנקע געשטאַלט, מיט געטאָקטע העפּטיקע פּיס, אָבער אייביק אין שוואַרצן אָנגעטאָן.

אויף איר שיינעם האַלדז באַמערק איך שוואַרצע קרעלן. פֿון אָנהויב האָב איך זיך געשראָקן פֿאַר די שוואַרצע דאַמע, ווי עפּעס אַ העלדין פֿון עדגאַר עלען פּאָ, אָבער מיין בליק האָט זיך איינציקווייז צוגעוווינט צו איר געשטאַלט, ווען זי האָט געשפּייזט דעם שטאָלצן ווייסן שוואַן. דאַמאָלס ווען זי האָט געשפּייזט דעם שוואַן איז איר בליק אינגאַנצן געווען אָנגעשטרענגט אויף אים, זי האָט אָפּט אויסגעשטרעקט איר שלאַנק הענטל צו געבן אַ גלעט דעם שוואַן. אָבער ער האָט שוין דאָס נישט געקענט געטרויען; ער האָט זיך מיט אַ לייכטן עלאַסטישן באַוועג אַוועקגערוקט פֿון דער דאַמעס הענטל.

אָבער די דאַמע האָט געוואָלט געוווּנען צוטרוי צו דעם ריזיגן פֿויגל, האָט זי גערעדט צו אים: „קום צו מיר נעענטער. . . כ׳וועל דיר זיין אַ פֿריינט



בעסער ווי דיינע נאָענטסטע, כ׳וועל דיר ברייינגען ס׳בעסטע און שענסטע. . . . קוק, כ׳מייד אויס מענטשלעכע געזעלשאַפֿט, כ׳בין אַזוי אַליין . . . יעדע נאַכט בענק איך נאָך דעם טאָג, כדי דיך צו שפּייזן און באַגריסן. כ׳ווייס אַז דו ביסט נישט אַליין. דאָרט צווישן די וואַסער גראָזן שווימען נאָך פֿיל פֿון דיינע נאָענטסטע. קום נעענטער, אָט אַזוי נעענטער צום ברעג. ווו כ׳וועל גלעטן דיין שלאַנקן האַלדז. כ׳וועל דיר זיין אַ שוועסטער, אַלעס וואָס דו ווילסט נאָר. קום שוין נעענטער“. . . .

אירע אויגן זיינען געווען עטוואָס פֿאַרווייינט. איר הענטל איז שוין געווען מיד פֿון וואַרפֿן שפּייז צום שוואַן, האָט זי שנעל און פֿלינק אַרויסגעכאַפּט אַ קליין קאָלירט טיכעלע און שנעל אַ וויש געטאָן איבער אירע העכלעכע בלאָע פֿאַרוויינטע אויגן. זי האָט אפֿילו נישט באַמערקט ווי איך זיץ אַזוי נאָענט און אָבסערוויר דאָס אַלעס.

דער שוואַן האָט זיך לייכט באַוועגט איבערן וואַסער. דער שלאַנקער האַלדז האָט זיך אויטאָמאַטיש געגעבן אַ צי אויס איבערן וואַסער צו כאַפּן אַ ברעקל, וואָס איז צופֿעליק עטוואָס אַוועקגעשווימען. די דאַמע האָט כסדר אָנגעשטרענגט איר בליק אויף דעם שוואַן. איך האָב זיך שנעל געגעבן אַ שטעל אויף פֿון מיין באַנק און לייכט באַוועגנדיק צוגעגאַנגען צו דער דאַמע און זער העפֿלעך זיך געפֿרעגט, צי כ׳קען זיך זעצן אויף דער באַנק. די דאַמע האָט אַ לייכטן ציטער געטון און מיט אַ דערשראָקענעם בליק האָט זי געגעבן די הסכמה, אַז כ׳קען דאָ זיצן. און גלייך איז איר בליק ווייטער געווען געווענדעט צום טייך ווו דער שוואַן האָט זיך לייכט באַוועגט ביים ברעג.

צופֿעליק האָב איך אין מיין טאַש געהאַט עטוואָס שפּייז. כ׳האָב עס לייכט צעקרישעלט און אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו שפּייזן דעם שוואַן. ווי כ׳האָב נאָר אויסגעשטרעקט מיין האַנט, איז דער שוואַן גלייך אַוועק פֿון ברעג מיט ברוגז און שרעק.

אָט דאַמאָלס האָט די דאַמע שנעל געגעבן אויף מיר א קוק מיט אַ זער לייכטן שמייכל, ווי אַ דין רויט שנירל וואָלט זיך איבערצויגן איבער אירע רויטע ליפּעלעך. כ׳האָב גלייך אויך צעפֿרידן געשמייכלט און אַ פֿרעג געטאָן די שוואַרצע דאַמע: „זאָגט מיר, ביטע, פֿאַרוואָס פֿון מיר וויל דער שוואַן נישט עסן, נאָר פֿון אייער האַנט עסט ער אַזוי שנעל, אפֿשר איז דער שוואַן נישט הונגעריק?“

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, אָבער אַזוי טראַגיש האָט עס אַרויס־געקלונגען. די דאַמע האָט שוין מער קיין שפּייז נישט געהאַט. כ׳האָב איר גלייך געגעבן עטוואָס פֿון מיין פּאַפּיר: „זעט, ווי ער וועט גלייך קומען צו מיר און עסן“. . . .

די דאַמע האָט אויסגעשטרעקט איר הענטל, דער שוואַן האָט שנעל געאיילט צום ברעג. זי האָט עפּעס שטיל געמורמלט צום שוואַן און דער שוואַן האָט כסדר געכאַפּט יעדן ביסן און לייכט צוגעשאָקלט מיטן שלאַנקן האַלדז. „אַהאַ, איר׳ט געזען ווי דער פֿויגל דערקענט אַ פֿרעמדן! איר אפֿשר ליבט

חיה׳ס, אָבער מען דאַרף ביי זיי געווינען צוטרוי, דאַמאָלס עסן זיי אפילו פון דער האַנט. . . . כ׳קען שוין די שוואַנען אַזוי עטלעכע יאָר. כ׳ליב זיי מיטן גאַנצן האַרץ. זיי זיינען מיר זער און זער נאָענט. . . . זיי זיינען פאַר מיר דער סימבאָל פון אַ פאַרלוירענע ליבע... אָט דאָ אויף דעם אָרט בין איך שטענדיק מיט אים געזעסן און געשפייזט די שוואַנען.

„מיין מאַן איז געווען אַ פליער. דער עראָפלאַן מיט וועלכן מיין מאַן איז געפלויגן האָט געהייסן ׳דער זילבערנער שוואַן׳. מיט פרייד אין מיין האַרצן האָב איך געזען ווי ,דער זילבערנער שוואַן׳ הויבט זיך פון דער ערד און פליט און קרייזט הויך צו די בלאָע הימלען. גלייך פון פלי־פּלאַץ בין איך שנעל געגאַנגען אין פאַרק אַריין צו באַגעגענען די שוואַנען און זיי געבן עסן. . . . מיין מאַן האָט מיר געשקט שטענדיק אַ גרוס פאַר די שוואַנען אין פאַרק.

„אָבער איינמאָל דערהאַלט איך א טעלעגראַמע אַז מיין מאַן איז גע׳הרגעט געוואָרן, ווען ,דער זילבערנער שוואַן׳ איז ערגעץ אַראָפּגעפאַלן אין די טיפע וואַסערן, ווען ער איז געפלויגן איבער ימן ערגעץ. . . . אָבער מיין ליבע איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אין די ימען. איך ליב ווייטער דעם אָנדענק פון מיין ליבן און טייערן מאַן, פאַר דאָס מיין געטריישאַפט צו די הערלעכע וואַסער־פויגל, וואָס כ׳וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. זיי זיינען פאַר מיר דער סימבאָל פון אַ פאַרשווינדענע ליבע, אַמאָל, אַמאָל. . . . און ווען כ׳געפין זיך נעבן די שוואַנען אַזוי שטייט פאַר מיר די געשטאַלט פון מיין מאַן. און ווער ווייסט צי דער שוואַן, וואָס קומט צום ברעג איך זאָל אים שפייזן איז נישט אַמאָל אַ גילגול פון מיין מאַנס נשמה. ווען כ׳בין נאָך געווען אַ סטודענטין האָב איך געגלויבט אין די מעטאפיזישע היפּאָטעזן פון מעטערלינקען און די מעטאַ־פיזישע גלויבונגען פון די אַלטע עגיפּטישע חכמים...

„כ׳גלויב אין דעם הייליק. . . . פאַר דאָס מיין עקזיסטענץ אין לעבן. ס׳קען זיין אַז כ׳בין אַ זער פאַנטאַסטישע פרוי מיט אבערגלויבערישע נייגונגען, אָבער כ׳קען דאָך אַנדערש נישט דענקען און אַזוי וועט שוין אייביק בלייבן. כ׳גלויב נישט מער און געטרוי נישט מער מענטשן, ווייל מענטשן האָבן געשיקט מיין ליבן מאַן צום טויט... כ׳מייד אויס מענטשן און מענטשלעכע געזעלשאַפט. כ׳לעב ערגעץ אין אַ שטיבל, נעבן מיין בעט הענגט אַ בילד ווי אַ גרויסער ווייסער שוואַן שווימט שטאָלץ איבער אַ ברייטן טייך באַוואקסן מיט וואַסער גראָזן. . . . קום איך שפּייזן אָט די קעניגלעכע פויגל צו דעם טייך און פאַרק. אַזוי האָף איך וועל איך ווייטער שפּינען מיין לעבן. כ׳וואָלט נישט אויסגעהאַלטן אַנדערש ווייל מיין האַרץ וואָלט געבלוטיקט, די פרייד איינציקווייז אויסגעשעפּט. כ׳ווייס אַז כ׳לעב מיט פאַנאַטזיע, מיט איינריידעניש, מיט אַ מין געגאַרן זיך זעלבסט. אָבער אַזוי מוז דאָס זיין, איר׳ט מיך פאַרשטיין״. . . .

זי האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, מיט אַ טיפן זיפץ איר צונג לייכט אַ לעק געגעבן די דינע אויבערשטע ליפּ און אַזוי האָט זי שוין געשוויגן, און ווייטער



געקוקט מיט טרויער אויפן טייך ווי אַנדערע שוואַנען זיינען שטאָלץ געשוואומען איבערן וואַסער.

וואו נישט ווו זיינען מענטשן שנעל אַדורגעלאָפן מיט ברייטע שפּרייזן. כ׳האָב זיך לייכט אַנטשולדיקט פאַר דער דאַמע און געפרעגט צי כ׳קען זי זען נאָך אַמאָל אין דעם פאַרק. זי האָט לייכט אַ ציטער געטאָן: „אַך, כ׳האָב אייך זער גערן, ליבער מענטש, אָבער ליידער קען איך מיט אייך און מיט קיין שום מענטשן מער נישט ריידן און לעבן, ווייל דאָס שטערט מיר מיין פאַנטאַזיע, מיין איינריידעניש. כ׳האָב צו אייך היינט גערעדט ווייל כ׳האָב געזען אַז איר זיינט דער איינציקער וואָס האָט מיך פאַרשטאַנען.״ מיט אַ לייכטע באַוועגונג איז זי פאַרשוווּנדען מיט אַן אַדיע.

דער טייך האָט ווייטער געפלאַליעט און אַ זער לייכט ווינטל האָט געקילט דעם הייסן טאָג. די גרויסע פאַרק־בוימער האָבן זיך געשאָטנט אין דעם פאַרק־טייך. די גרעזער אַרום דעם פאַרק האָבן זיך לייכט באַוויגן פון ווינטל, ווי אַ תפילה נאָך די צווייגנס לייכטע שאָקלען זיך. די שוואַנען זיינען לאַנגזאַם פאַרשווינדן צווישן דעם וואַסערס גראָזן און אַ טיפע לײַדיקייט האָט זיך באַמערקט אויפן וואַסער פלאַך.

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך די שוואַנען און נאָך די שיינע דאַמע אין שוואַרצן, ווען זי האָט געשפייזט דעם ווייסן שוואַן. כ׳האָב כסדר געקוקט צום וועג, וואו די דאַמע איז אַוועק, אָבער כ׳האָב באַמערק בלויז שאָטנס פון פרעמדע מענטשן. כ׳האָב פאַרלאָזט דעם פאַרק מיט אַ טיפן טרויער אין האַרצן.

צומאָרגנס, אין דער זעלבער צייט, בין איך געקומען אין דעם פאַרק אַריין, נעבן דעם טייך וואו עס זיינען געשווימען די שוואַנען נעכטען. בליץ שנעל האָב איך באַמערקט די זעלבע דאַמע ווייטער געקליידט אין שוואַרצן, ווי זי שיפּט זיך אויף אַ קליין שיפל און די שוואַנען אַרום דעת שיפל. ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי דאָס בילד מסתם וואָס הענגט ביי איר איבערן בעט...

כ׳האָב זיך דערנענטערט צום ברעג פון טייך. אָבער ווי די דאַמע האָט מיך דערזען איז זי גלייך אַוועקגעשווימען מיטן שיפל אַריין צווישן די גראָזן פון טייך און די שוואַנען זיינען איר גלייך מאַיעסטעטיש נאָכגעשוואומען.

כ׳האָב זי שוין קיינמאָל נישט געזען מער נעבן דעם וואַסער. אָבער דער מענטש וואָס פאַרדינגט די שיפלעך האָט מיר געזאָגט אַז זי קומט צו אַן אַנדערן ברעג פון דעם טייך און אַז דאָס שיפל איז איר אייגנטום.

דער פאַרק־דינער האָט זיך געשמייכלט: „וואָס עפּעס, אַז דאָס שיפל איז אייגנטום, אפנים אויך די שוואַנען, וואָרים, אויך זיי, די שוואַנען, באַווייזן זיך נישט מער אויף דער זייט ברעג זינט די דאַמע קומט נישט.״

---

מיינע האַרציקע ברכות מיין פריינט און קאָלעגע, ל. ש. קרעדיטאָר, צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג.

שמואל ווהייט און פרוי.

---

## יוסף הלל לעווי

### אויף די בערג און די טאָלן

(מיט ט׳פער דאַנקבאַרקייט מיין איבערגעגעבענער פרוי מרים)

מיינע תפילות כ׳בין מקיים
אויף די בערג אין זונענשמייכל,
דאָרט איז מיין ירושלים,
מיין עזרה און מיין היכל . . .

טאָלן, טייכן, וועלדער גרינע,
ווו לבנה ציילט חדשים,
איז מיין הייליקע מדינה,
און מיין קודש־הקדשים!

אויף די בערג און די טאָלן,
ווו דער וואַסערפאַל אַנידער, —
לאָזט מיט זונגאָלד זיך באַמאָלן,
מיט מיין האַרץ און מיינע גלידער —
כ׳בין מתקן מיינע לידער
הייליק אין מיין לעבנס־סידור . . .

### איז באַפאַלן מיך אַ קומער

אין די זונענטעג פון זומער,
ווען די זיידנע בינען זומען,
אויף די בונטע בייטן בלומען,
איז באַפאַלן מיך אַ קומער.

צו דער זינגענדער פאָנטאַנע,
צוגעפאַלן כ׳בין אַ שטומער;
זיך צו שפיגלען מיט מיין אומער —
ווי די זילבערנע דיאַנע . . .

און דער קומער מיך געטראָגן
האָט אויף זיינע ווייכע פליגלען, —
איבער הימלען, טייכן, שפיגלען,
ווו דער טאָג די נאַכט פאַררינגלען
טוט מיט פורפלנע פאַרטאָגן,
מיט די ווינטן זיך צויאָגן.

### כ׳וויל אויסגיסן מיין געפיל!

ס׳בוירן זיך די אַלפנשפיצן
טיף אַריין אין הימלען בלויע,
אויף צו קושן מיט די בליצן
אינעם בעט פון וואָלקן גרויע.

אויף די בערג אין שנייען קרוינען,
זונגעקושט פון שטורם און שטערן,
דאָרטן וואָלט געוואָלט איך וווינען,
און אויך דאָרט באַגראָבן ווערן!

אויף די אפריס־בערג תהומות
ווו דער אָדלער קוים דערפליט, —
אין די טיפן, אין די הייכן —
אין די איינזאַמטע מקומות,
כ׳וויל אויסגיסן מיין געמיט
אויף די אַלפּן און פאַרבלייכן!

### און איך לאָז פון צופאַל וויגן . . .

איינגעהיל אין דעמער־שאַלן
איז דער האַלדז פון בער מיט פאַרבן,
ס׳גליען דורך די זונקאָראַלן,
פורפלען אויס זיך טיף צום שטאַרבן.

וועט דאָס היינט אַ מנחה ווערן,
האָרכן וועלן בערג מיט מורא, —
איינגעבעט אין שניי און שטערן
דאַוונען וועט אַליין דער בורא.

ווו די גליטשערס זיך פאַרציען,
און דער אָדלער קומט נישט צו, —
דאָרט געפין איך טיפע רו,
ווען איך טו אַנידערקניען
און איך לאָז פון גורל וויגן —
ווי דער ווינט זיך מיט אַ ניגון . . .



### ס׳איז פאַראַן אַ וויל . . .

ס׳איז פאַראַן אַ וויל ווען ס׳ווערן —
שטיל אויף איינמאָל אַלע קוואַלן,
אויך ס׳געזאַנג פון נאַכטיגאַלן
שווייגט ווען ס׳גייען אויף די שטערן.

אין דער רגע מיר געהערן
דוכט מיר אַלע וועלטנעקן,
פונעם טויט די טיפסטע שרעקן, —
פונעם לעבן בלוט און טרערן . . .

דאַמאָלט מיינע אויגן קוקן —
ווייט פון ווייטיק און געניוס.
פון דעם באַרגס פאַרשנייטן רוקן,
צו דער „יונגפרויס" מאַרמאָר־פוס.
און עס קאָן מיין האַרץ נישט שטילן
זיך פון מיטליידס־פיינגעפילן . . .

(לוגאַנאָ, סוף אַפּריל 1954)

---

## י. י. סיגאַל

### קלייב אויף . . .

קלייב דאָ אויף אַלצדינג וואָס ווייזט אַן אָטעם לעבן,
איטליך יידיש וואָרט איז צו אַן אוצר גלייך.
שוין זיינען די פרדסים אין ארץ ישראל
נאָר די שכינה רוט נאָך אויך ביי אַ שטילן טייך
פון אַ חרובן ישוב, כאָטש שוין אויסגעלאָשן
איז דער לעצטער פונק פון אַ יידיש געביין.
אַזוי לאַנג ווי דער טרויער וועט דאָרט אומגיין אַן אבל
וועט אויך נאָך דער זכר פון דאָרט נישט פאַרגיין.

און מיר דאָ־הי, איבער דער גרויס פון אַמעריקע,
מיר וועלן זיך נאָך שפיגלען ווי אין אַ גאָלדן בלאַט
מיט אונזער ליד — אַריבערגעבראַכט מעבר לדורות,
ווו מיר האָבן דאָרט אַ זינגענדיקן נעסט געהאַט.

דער שטאַם איז צעבראָכן און דער נעסט — פאַר׳שרפ׳עט,
דאָס געזאַנג איז אַוועק אויף דער וויסט פונם ווינט.
דער גלות מיט אַן עלנטן זאַק אויף די אַקסל
וויל כאָטש כאַפּן דאָס לעבעדיקע בילן פון הינט
און הערט נישט פון ערגעץ קיין קול, קיין עכאָ.
ס׳ווערט אָוונט און די הימלען צעצינדן זיך רויט,
ער שטייט און ער לייענט דעם חזיון פון טרויער
מיט די פייערדיקע אותיות גדולות מאוד.

פונם בוך „ספר יידיש".

אַ פאָלק וואָס זיין אייגנשאַפט איז נצחדיקייט, וואָס זיין פּרעטענציע איז אייביקייט, מוז אַדורכגיין כל־ערליי עמאַנאַציעס און אינקאַרנאַציעס, גילגולים און דיבוקים. אויף זיין לאַנגען וועג לויערן קליפּות, וואָס זיינען זיך מדבק אין אים, אָבער אויך יעדער פרישער רוח־חיים וואָס קומט אים אַנטקייגן דערמונטערט אים צום ווייטערן פאָראויס.

אַ פאָלק וואָס זיין יחוס־בריוו איז דער תנ״ך, זיין שטאַם־בוים דער עץ־הדעת, איז שוין, ווי זייך באַשעפער, אַ משנה עתים ומחליף את הזמנים — צייט און אָרט האָבן אויף אים קיין שליטה נישט — ער ווערט אַ מיטבאַשאַפער אינם מעשי בראשית.

פונם צעפאַלענעם בבל־טורעם, ווען עס פאַלט אַראָפּ, בלייבט עס שטיין אויף די פיס; פון אונטער די רעדער פון פרעה׳ס רייטוואָגן שווימט עס אַרויס אויף דער טרוקעניש; פונם לייבן־גרובן אַרויס, פון די קאַלך־אויוון פלאַמען שפּאַנט עס אַרויס אומבאַרירט צו נייע עראַס, צו דערפרישטן לעבן.

וואָס איז דער יסוד פון אַזאַ פאָלק, וואָס איז דער סוד פון זיין אייביקייט? אָט די עמאַנאַציעס און אינקאַרנאַציעס, אָט די גילגולים און דיבוקים! עס האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערגאַנגען דעם סוד פון „אין חדש תחת השמש“, און אויף דעם „תולה ארץ על בלימה“ האָט עס זיך געגרונטפעסטיקט.

„דור הולך ודור בא“, אין אַלע דורות און אין אַלע עפּאָכעס דער זעלבער געראַנגל; אומעטום, אויפן גאַנצן גלגל העולם דער זעלבער קאַמף; גייסטיק און פיזיש, מיט גאָט און מיט מענטש, אַ רגע הערט עס נישט אויף — עס איז נאָר גלגל־חוזר! דאָס רעדעלע דרייט זיך און דאָס געוועירק קלאַפּט.

עס מוז נאָר זיין גוט געשמירט דאָס רעדעלע, מיטן ריינסטן פעטס פון די נירן, מיטן לויטערסטן האַרץ־בלוט, און קיין פגם טאָר נישט זיין דערין, אין קיין איין ראָד־ציינדל.

וואָרים, אַז איין ציינדל נאָר איז אָפּגעבראָכן, אויסגעריבן, אויסגעדזשיביעט, אָדער פאַרזשאַווערט, בלייבט דאָס גאַנצע געוועירק שטיין און — שוין! מען פאַלט אַרויס דעמאָלט פונם באַוועגלעכן גאַנצן, פון דעם גייענדיקן ווייטער־גיין, פון דער לעבעדיקער איינקייט — פון דער אייביקייט! צייט און אָרט איז חל דעמאָלט, קודש און חול איז אויסגעמישט בערבוביא — עס איז כאַאָס, תוהו ובוהו!

נצחדיקייט איז פּרעציז, האָר־גענוי אויסגערעכנט, געהאַלטענער חשבון, געכפּלט אין אומענדלעכקייט, עד סוף כל הדורות, עד עולם.

אין אָנהויב איז געווען דער געראַנגל פאַרן פאַסנע שטיקל ברויט, פון האַנט אין מויל, פון היינט ביז מאָרגן: „ממחרת השבת תספרו חמשים יום“; זיבן מאָל זיבן טעג, דער צייט־אָפּשניט פון קאָרן־שניט ביזן ווייצן־שניט, איז די גאַנצע ערדישע נצחדיקייט. זאָלן נאָר די שפּייכלערס אָנגעפילט זיין מיט ברויט, מיט קאָרענעם און ווייצענעם, וועט דער נצחון שוין זיין אַ געזיכערטער.

ביז זיבן קוים קאָן ער ציילן, דער קין־זון — „כל הורג קין שבעתים יקם“!



און אויך פונם מבול ראַטעווועט ער זיך בחודש השביעי און „שבעה שבעה“ פון יעדער בהמה טהורה. און פון זיבן פעטע קי און פון זיבן מאָגערע קי חלומט נאָך אַלץ פרעה און פון „שבע שבלים“ זיבן פעטע זאַנגען אין איין רערל.

ביז זיבן קאָן ער קוים ציילן דער מענטש, אָבער ער חשבונט עס אַזוי גענוי אויס, כפלט עס און טיילט עס אַזוי סיסטעמאַטיש גענוי, אַז די שייערן און די שפּייכלערס ווערן פול. ער הייבט שוין אָן צו פילן דער מענטש, אַז דער פגימה־לאָזער שערף קאָן מנצח זיין די שאַרפע שווערד; זיין רעכנדיקער קאַלקולירנדיקער מוח פילט שוין דעם נצח — עס איז אַזאַ אומענדלעכער מהלך און אַזאַ פּרעציז אויסגערעכנטער, זיבן מאָל זיבן פונם מנחת עומר ביז מנחת חטים; די דערגרייכונג פונם פאַסנעם שוואַרצן שטיקעלע ברויט ביז צו דער שפע פונם ווייצענעם ווייסן זעמל מעל — פון „אחת ואחת ביז אחת ושבע“!

אָבער ער וואָלט געווען געבליבן אַן עבד לעבדים, פאַרשקלאַפּט צו זיין שטיקעלע ברויט, צו זיין קאַמף און זיין נצחון, צו זיינע אייגנשאַפטן און לײדנשאַפטן, ווען נישט דער חשבון הנפש — די גייסטיקע עמאַנאַציע!

זיבן מאָל זיבן טעג, „שבעה שבועות“ איז דער געראַנגל פון יציאת מצרים, פון די זיכערקייט אינם פולן שפּייכלער, פונם סיר הבשר, ביז צו קבלת התורה אין וואַקוּאום וואַרטנדיק, אין תוהו־ובוהודיקן וויסטן מדבר.

גאָט איז זיך מצמצם אַזוי אינם מענטשלעכן צאָל־באַגריף, ער כפלט זיך און טיילט זיך מיקראָקאָסמיש־אומענדלעך, איינס אין אַנדערן אַריין, איינס אין צווייטן, אויפגענומען אין די מענטשלעכע אייגנשאַפטן און לײדנשאַפטן, „אַז אַ שפחה אויפן ים האָט געקענט זען דאָס וואָס יחזקאל מיט זיין נבואה האָט נישט געקענט זען“.

און עס געשעט די גייסטיקע עמאַנאַציע. דער מענטש ווערט אויפגענומען אין דער זיכערקייט פונם געזעץ — ער הערט גאָטס קול אין זיך. זיינע אייגנשאַפטן און לײדנשאַפטן ווערן אַסטראַל, זיי באַקומען אַן אייגענע אויסגערעכנטע חשבון הנפש באַוועגונג, ווי די ספירות, ווי די גלגלים, ווי די שטערן אין הימל.

די מענטשלעכע מדות איינגעדרייט איינס אין צווייטן, איינס אין אַנדערן ווערן איין גאַנצע באַוועגלעכקייט, אַ לעבעדיקע איינקייט, אַ ווייטער־גיין — עס ווערט נצחדיק!

עס ווערט שבת, דער זיבעטער טאָג; דער מענטש ווערט באַפרייט; עס ווערט שמיטה דאָס זיבעטע יאָר; די ערד ווערט באַפרייט; און זיבן מאָל זיבן איז יובל — די גאַנצע נאַטור, די גאַנצע קרעאַטור יובלט אַ באַפרייטע.

עס איז דאָס גאַנצע לעבן נאָר אַ געפלאָכטענער געוויקל פון הייליקע סימבאָלן און צאָלן. מען מוז זיי נאָר ריכטיק אויסשטעלן די מאַטעמאַטישע ציפערן און גוט קענען מצרף זיין די גימטריאות און צירופים.

און ווי לייכט איז אַ טעות צו מאַכן אינם חשבון! אפילו אַ שטערן קאָן אַרויספאַלן פונם הימל, אַז עס ווערט אַ פגם אינם געדריי פון די גלגלים — ער פאַלט אַרויס פון דער אייביקייט, פון דער גרויסער איינקייט. ער הערט אויף צו זיין סימבאָל און פאָרמול, ער ווערט פיזיש גראָב, רעאַל שטערבלעך. מ׳דרייט

זיך נישט מער ווייטער פאָראויס, אינם גאַנג פון די גלגלים, נאָר מען איז מעלה גירה — מען ווערט אַ גילגול! עס איז זיך מתדבק עפעס פרעמדס אינם חלל פון איין רעדעלע, עס ברעכט זיך אָפּ עפעס אייגנס פון איין צאָן רעדל און נישט מער גאָטס קול רעדט אַרויס פונם מענטש — אַ דיבוק!

דאָס גייענדיקע ווערק בלייבט שטיין, צייט און אָרט הייבט אָן שולט צו זיין דערויף, עס זשאַווערט יעדעס רעדעלע, פול מיט פגימות ווערט יעדעס ציינדל. דער מענטש איז נישט מער די גייסטיקע אימאַנאַציע פון גאָט, נאָר זיין גשמיותדיקע אינקאַרנאַציע —דער „צלם“ אָן דעם „אלוקים“!

פון אונזערע ערשטע נביאים ביז אונזערע לעצטע מקובלים, דער גערעאַנגל פון דעם גילגולים און דיבוקים גאַנג, שבעה מדורי גיהנום, דורך מ״ט שערי טומאה און קדושה; דורך די זיבן מאָל זיבן שבעה־נקיים.

און דאָס איז דער יסוד פון אונזער נצחדיקייט, וואָס ביי יעדער עפּאָכע־אויסגאַנג דערשלאָגן מיר זיך צוריק צום „צדיק יסוד עולם“.

מיט דער „עטיק“ פון שפּינאָזע, מיט דער פיזיש פּרעציזער, מיט דער מאַטעמאַטישער קאַלקולאַציע פון אייגנשאַפטן און מידות, פון אַ נייעם מענטש־לעכן גלגל־העולם סיסטעם און מיטן בעל־שם׳ס מתקן זיין דעם „חסד שבחסד“, ווערן דיבוקים־גילגולים נתעלה, מאַטעמאַטישער ציפער פאָרמולדיקער צירוף.

אַלע זיבן ספירות זיינען איין הימלישע שלימות, איין גאַנצע באַוועגלעכ־קייט — שבעה ככבי־לכת! אַ מענטשלעכע מידה קאָן ווערן אַ ליידנשאַפט. שיינקייט אַליין, גנאָד אַליין קאָן זיין פונקט אַזאַ פגם ווי שטאַרקייט און מאַיעס־טעטישקייט. אַלע מידות צימצומדיק צוזאַם זיינען אַ ספירהדיקער גלגל־סיסטעם —גייסטיקע עמאַנאַציע פון אייגנשאַפט און ליידנשאַפט.

אַ דער גערעאַנגל צו מלכות שבמלכות פון אונזער עפּאָכע. מיר האַלטן שוין ביי דעם קאָמפּליצירטסטן גע׳כפל, ביי דער לעצטער פאָרמולע, און ווי שפּאַלט זי זיך אין אַטאָמישער אומענדלעכקייט פון טומאה און קדושה — איין פגם, איין מענטשלעכע פּניה און גאַנצער גלגל־הארץ ווערט אויפגעריסן!

דער גערעאַנגל צו מלכות שבמלכות פון אונזער עפּאָכע! מיר קאָנען שוין ציילן ביז 10, האָבן די עשרת־הדברות און מיר האַלטן שוין ביים קאָמפּליצירט־סטן גע׳כפל, פון לעצטער עשר־ספירות פאָרמולען און ווי שפּאַלט זי זיך אין אַטאָמישער אומענדלעכקייט פון טומאה און קדושה — איין פגם, איין מענטש־לעכע פּניה און גאַנצער גלגל־הארץ ווערט אויפגעריסן!

וויפיל לויטערקייט פון האַרץ־בלוט, וויפיל מוח־גערעאַנגל פון געדאַנק, אַז דער פיזישער גבורה־שבגבורה, דער גשמיותדיקער תפארת־שבתפארת זאָל זיך נצחדיק אַרויסהייבן פונם יסוד, חסדיק באַלויכטן ווערן פונם הוד, צימצומ־דיק־געצווימט צו דערגרייכן דעם פגימהלאָזן מלכות־שבמלכות. ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

שבת, דעם 8־טן מאַי, מרים נאָוויטש, בערטאַ פרידלאַנד, שלמה אויערבאַך.
שבת, דעם 15־טן: דר. בן־ציון שיין—די דערגרייכונג פון מעדיצין אין ישראל.
שבת, דעם 22־טן: דער אַקטיאָר מאַקס הילסבערג—געזאַנגען און רעציטאַציעס.
שבת, דעם 29־טן: געווידמעט דעם שאַפן פון דוד איגנאַטאָוו און י. י. סיגאַל.



עפנטלעכע הזכרה־פאַרזאַמלונגען לכבוד דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון פריינט פון יידיש לשון (צוזאַמען מיטן וועסט־ענדער בראַנטש) און אויך פון די פויליש־יידישע פראַנט־סאָלדאַטן און פון די יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט איינגעלאַדן אַלע אין איר אָנגעשלאָסענע געזעלשאַפטלעכע פאַר־איינען און פאַרטייען, צו אַ קאָמיטעט זיצונג, ביי וועלכער עס איז געמאַכט געוואָרן אַן הזכרה.

✡ ✡ ✡

די בונדישע גרופּע אין לאָנדאָן האָט אין טאָג פון דער יאָרצייט פון אַרטור זיגלבוים געמאַכט אַ באַזוך אין לאָנדאָנער קרעמאַ־טאָריום וווּ דאָס אַש פונם קדוש זיגלבוים געפינט זיך. עמאַנועל נאָוואָגרודסקי, וועל־כער האָט געווײַלט אין לאָנדאָן, האָט גע־האַלטן אַ טרויער רעדע.

✡ ✡ ✡

מרים נאָוויטש, פונם קיבוץ לוחמי הגעטאָ אין ישראל, וווּ עס געפינט זיך דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וויילט אין לאָנדאָן. דער חשובער גאַסט איז אויפגעטרעטן מיט אַ פאָרטראַג ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס: די לעצטע טעג פון יצחק קאַצענעלסאָן.

מרים נאָוויטש האָט אויך גערעדט ביים שרייבער און זשורנאַליסטן פאַראיין איבער דער זעלבער טעמע.

✡ ✡ ✡

דער יום העצמאות איז געפייערט געוואָרן אויף אַ גרויסן און פייערלעכן אופן פון אַלע ציוניסטישע געזעלשאַפטן. אויך ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס איז געווידמעט געוואָרן אַ שבת פאַר די שאַפונגען פון ישראל.

„די יידישע שטימע“, אונטער דער רע־דאַקציע פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי, ווערט דעם חודש דריי יאָר זינט זי האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען.

✡ ✡ ✡

דער ערשטער מאַי איז געפייערט געוואָרן ביי אַ גלעזל טיי אין אַרבעטער רינג איינ־געאָרדענט פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. פריינט ביילין האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

✡ ✡ ✡

„דער ניגון פון אַ פאַרשניטענער שטאָט“ פון מיכאל זילבערבערג, איז געהערט גע־וואָרן אויפן ראַדיאָ.

✡ ✡ ✡

דר. יעקב י. מייטליס איז אָפּגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם און בעלגיע וווּ ער וועט האַלטן אַ רייע לעקציעס.

✡ ✡ ✡

די בונדישע גרופּע האָט פאַרבונדן די ערשטע מאַי פייערונג מיט אַ באַנקעט פאַר זייער בונדישן פירער עמאַנועל נאָוואָ־גרודסקי. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מ. מינדעל.

✡ ✡ ✡

מאַקס הילסבערג, צו זיין אָפּפאָר נאָך ישראל, ביים אָפּשלוס פון זיין גאַסטראָלירן אין גרענד פּאַליי טעאַטער, פירט אויף „גאָט מענטש און טייוול“ פון יעקב גאָרדין.

פריינט פון יידיש לשון גרייט צו אַ גע־זעגנונגס באַנקעט פאַר מאַקס הילסבערג צו זיין אָפּפאָר.

✡ ✡ ✡

דר. בן־ציון שיין פון דרום־אַמעריקע וויילט איצט אין לאָנדאָן אויף זיין צוריק־רייזע פון זיין באַזוך אין ישראל.

✡ ✡ ✡

די שווישפּילערין, ראַשעל נאָוויקאָוו, ענ־דיקט דעם חודש איר גאַסטראָל־שפּילן אין גרענד פּאַליי טעאַטער.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט, דעם פּאָעט **שמואל ווהייט** צום טויט פון זיין יונגערע שוועסטער **שרה** בענדזשאַמין, וואָס איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגען און שווערן ליידן.

**א. נ. שטענצל, נעט רובין.**

---

## א דאנק אייך אלעמען!

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק צו אַלע חברים און פריינט פאַר די אויפריכטיקע צייכענס פון פריינטשאַפט, וועלכע איר האָט אונדז אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון דער שווערער קראַנקהייט פון פרוי **גיטעלע פאלושאק**.

אליהו פאלושאק און טאָכטער יוליה.

סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאַרטמאַן סטריט, וו.1.

זונטאג, דעם 30־סטן מאַי, 8 אַזייגער

**אברהם רייזינס ערשטער יארצייט**

עס וועלן רעדן: שלמה אויערבאַך און י. ביעטש

לייענען און רעציטירן: זעליג עפּעלבוים, נעט רובין.

זינגען רייזינס לידער — רבקה הייישעריק.

פאָריזץ: א. נ. שטענצל.

---

**פריינט פון יידיש לשון און דער יידישער „רידינג-רום“**

זונטאג, דעם 23־סטן מאַי, 3 אַזייגער, אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1.

**א פייערלעכער קבלת פנים**

פאַר דער חברים־גרופּע פון גרענד פאַלעי טעאַטער צום אָפּשלוס פונם סעזאָן.

אַלע זיינען געבעטן צו קומען באַערן אונזער באַליבטע לאָנדאָנער אַקטיאָרן.

א י י נ ט ר י ט  פ ר י י

---

אַ גרויסער, שפּאַנענדער ראָמאַן

פון יוסף פּערלשטיין

א. נ.

**„ש ט ו ר מ י ש ע  ו ו ע ג ן“**

ווערט צוגעגרייט צום דרוק.

דער ראָמאַן נעמט אַרום די תקופה פון פאַרמלחמה׳דיקן יידישן לעבן אין פוילן און בעת דעם לעצטן קריג אין רוסלאַנד, פוילן און אין די שארית־הפליטה׳לאַגערן אין עסטרייך ביז אין מדינת ישראל.

דער ראָמאַן איז באַזירט אויף אומגעווינלעכע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון וואָס דער מחבר איז אַ לעבעדיקער עדות.

---


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT · · EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 173) פופצנטער יאָרגאַנג יוני 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט:


אַ שטורעם אין מיים־אחרונים־גלעזל........** 1

פרילינג־ליד, קום די טיר מאַך אויף (לידער)........רבקה קאָפּע 4

פרילינג אין גאָרטן (ליד)........ש. זאַלקין 5

פרילינג־רוף (ליד)........בן־א. סאָכאַטשעווסקי 6

די איינזאַמקייט (פּאָעמע)........יוסף הלל לעווי 7

אסתר קרייטמאַן (צייכנונג)........ה. שריפטגיסער 8

קדיש מיין מוטער אסתר קרייטמאַן........משה קרייטמאַן (מאָריס קאַר) 8

מיניאַטורן: 1. די פלאַנץ אויף מיין פענסטער; 2. דער אַלטער בית־עולם; 3. דער לעצטער טאָג אין מאַי; 4. דער טויט פון אַ קאַץ........רחל מירסקי 11

דאָס זומער פייגעלע אין ווייטשעפּל, די באַלאַדע פון די דריי טויבן, אַ מאַלפּעלע אין אַ שוין־פענסטער (לידער)........א. נ. שטענצל 16

מיין געבוירנטאָג, צו מיין מוזע (לידער)........שמואל ווהייט 19

דער דיכטער נחום באָמזע (עסיי)........י. א. ליסקי 20

פּראָפעסאָר דר. זעליג בראָדעצקי (פּאָטאָ)........ 26

צו די שלושים פון פּראָפ. זעליג בראָדעצקי ז״ל (עסיי)........אהרן ר. ראַלין 26

די נייע שוישפּילערין חיהלע שיפער אין גרענד פּאַליי........קיטי בראַון 32

צוויי באַריכטן........נעט רובין 32

די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס........ 32



**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אבאָנענט־פרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England